d18a601


# „אָרט“־ידיעות

ארויסגעגעבן פון דער צענטראל־פארוואלטונג פונם
פארבאנד פאר מלאכה און ערד־ארבעט בא יידן («א ר ט»)

**Verband-„ORT“, Berlin W 57, Bülowstraße 90, Telefon: Lützow 4986-88**

**Nr. 9** | **בערלין, סעפטעמבער 1929** | **V-טער יאָרגאַנג**



## די «רהיינמעטאל» שרייבמאשין

**איז אן ערשטקלאסיקער פראדוקט פון דער דייטשער שרייבמאשין־אינדוסטריע**



זי פארקערפערט אין זיך דעם סך־הכל פון דער גאַנצער
ערפארונג פון דער מאָדערנער שרייב־מאַשין־טעכניק
די גרעסטע איינפאכקייט ביי דער העכסטער פולקומענקייט פון דער קאנסטרוקציע
פרעמירט אויף א רייע אויסשטעלונגען דורך גרויסע פריזן און גאלדענע מעדאלן.

**Rheinische Metallwaren- u. Maschinenfabrik Sömerda A.-G., Sömerda-Erfurt.**

## Bayerische Reisszeugfabrik A.-G.

vormals Eichmüller & Co., Nürnberg 28.



**A**-קוואליטעט פאר אנפאנגער
Nr. 2097.



**K**-קוואליטעט פאר תלמידים פון מיטעלע און פראפ. שולן —
Nr. 981 K VI



**S**-קוואַל. פאר תלמידים פון פאַלק־שולן
Nr. 1015



**R**-קוואליטעט פאר טעכניקער און העכערע שולן
Nr. 945 R VII



**E**- קוואַליטעט דאַס פולקומסטע אויפן געביט רייסצייג (גאָטאָוואלניעס)
Nr. 835 EL XI



**P**-קוואליטעט פאר אינזשענערן, טעכניקער און העכערע שולן
Nr. 873 P IX



**Neudammer Hutfabriken**
**Aktiengesellschaft**
vorm.
Fritz Schwarzkopf & Co. - F. & E. Jahn
Neudamm



פ אַ ב ר י ק אַ צ י ע פ ו ן

# עלעגאַנטע היט

פון סאַמעט, האָר־פילץ און וואָל־פילץ פאר פרויען און
מענער, אויך הוט־פאָרמען פון כלערליי קוואַליטעטן און גרויס
ספעציאַליטעט: נייע היט מיט די פאַנטאַזי־אייגנשאַפטן



# AEG-
## ELEKTRO-WERKZEUGE

האנט־ און טיש־ בארמאשינען
שלייף־מאשינעס, עלעקטרישע
קיך־מאשינעס, לופט־פומפעס פאר
אַויטאמאבילן, אוניוועַרסאל־האלץ־
באארבעטונג־מאשינעס, הויז־וואַ־
סער־פומפעס **AEG**



Allgemeine Elektrizitäts-Gesellschaft
Abteilung Rußland
Berlin NW. 6 Schiffbauerdamm 26



# C. H. Rimpler, Tuchfabrik
SCHWIEBUS

טעלעגראַפן־אדרעס: Tuchfabrik
ט ע ל ע פ אָ ן № 4

ס פ ע צ י אַ ל י ט ע ט:

# פאַבריק פון פיינע טוך

פאר באזאצן ׀ היטלען און אוניפאָרמען
פון פאָסט ׀ אייזענבאַן ׀ פאָליציי ׀ צאָל
און טראַמוויי

## טוך פאר פייערלעשער

שטעלט צו כלערליי א ו נ י פ א ר מ ע ן פאר מ י ל י ט ע ר
א ו ן מ א ט ר א ס ן

פאַבריצירט טוך פאַרן פלאָט, יאַכט־קלובן,
שרייב־טישן, קארעטן, בילארדן, ליווריען

1369



פולפעדערהאַלטער
א ו ן פ אַ ט ע נ ט
ב ל י י פ ע ן
קויפט יעדערער



זעהר
ביליגע
פ ר י י ז ן
פאר א גראָס פון 42 מארק אָן

פארקויפט נאר הורט־סוחרים
**Gerhard Joh. Quaas,**
Singwitz / Bautzen (Sachsen)

## ספעציעלע פאבריק פאר קוואליטעט-נאדלען

# Georg Printz & Cie. Aachen

געגרינדעט 1840




גיט אכטונג אויף אונזערע וועלט־באַ־
קאנטע פאבריק־מארקן׳ אונטער וועל־ע
מיר שטעלן צו אין משך פון לאנגע יארן
אונזער קוואליטעט־פראדוקציע
אויפן מארק




אחוץ בליץ־נאָדלען און מאשינען־נאדלען
פאבריצירן מיר כלערליי

### נאדלען פאר האנטארבעט

האפט־נאדלען
צירעוואניע־נאדלען
זעק־נאדלען
מאדיסטן־נאדלעז
פעיך־נאדלען
אויפצי־נאדלען
פערל־נאדלען א׳ א׳ וו׳

בליץ־נאדלען

1 2 3 4 5 6 7 8 9 10 11 12



מאשינען נאדלען
ראד/אנקער

2/0 0 B ½ 1 1½ 2 2½ 3 3½ 4 5



אין פרימא־קוואליטעט צו גינסטיקע פרייזן
גוטע געצייג גאראנט. לייכטע ניי־ארבעט



**GEBRÜDER HAAGA** G.M.B.H.
STUTTGART
**Rundwirkmaschinen-Fahrik**

רונד־טריקאָטאַזש־מאשינעס
אויך פאר שנעללויף
מאָדערנסטע און ערשט־קלאַסיקע אויספירונג
פאר גלאַטע טריקאָ־שטאָפן
רינגל־שטאָפן
פרעסן־וועקסל־מוסטערן
אונטערשלאַק־שטאָף
פלאַטירטע לאַנג־שטריפן
און כל־ערליי מוסטערן
(דייטשער מלוכה־פאטענט)







## פליסע־מאשינעס

פליסע־דאמף־איינריכ־
טונגען, פליסע־פאַרמען
ערשטקלאסיק און ביליק!
אייגענע פאבריקאציע!
עקספּאָרטירט אין אלע לענדער פארטרעטער געזוכט

**Richter & Mahler,** **Plisseemaschinen-Fabrik**
Berlin N 58, Schliemannstraße 5a



## זשאקארד־בונטמוסטער־מאשינעס

אין איינפאַכער, דאָפּלטער און דרייפאַכער
מעכאַניק
פאר האַנט־ און קראַפט־באטריב

**G. F. Grosser, Markersdorf**
(Chemnitztal)
געגרינדעט 1869
פלאַך־שטריקמאַשינעס, רונד־שטריקמאשינעס, שפולמאשינעס



# AEG-
## ELEKTRO-WERKZEUGE



האנט־ און טיש־ בארמאשינען
שלייף־מאשינעס, עלעקטרישע
קיך־מאשינעס, לופט־פומפעס פאר
אויטאמאבילן, אוניווערסאל־האלץ־
באארבעטונג־מאשינעס, הויז־וואַ־
סער־פומפעס **AEG**

Allgemeine Elektrizitäts-Gesellschaft
Abteilung Rußland
Berlin NW. 6 Schiffbauerdamm 26





פילמאל פרע־
מירט מיט גאל־
דענע און זיל־
בערנע מעדאלן

**FESTO**

D. R. G. M.
D. R. P.

צו פארווענדן
אלס

צאַפּן־לאָך־פרעזער (4 עקיקע לעכער)
קרום־שניידן, צאפּן אויסשניידן
האַנט־בויער־מאשינעס (אויך פאר בינדער)
טרעפּנוואַנגענפרעזער (געגוי לויטן שטריך
לינק־ און רעכט-לויף)
מיט אדער אָן אונטערגעשטעל מיט איינריכטונג צו שלייפן
אינסטרומענטן / עקסטרא שטארקער קוואליטעטס־מאָטאָר

טיכטיקע פארטרעטער ווערן געזוכט

**Fezer & Stoll, Maschinenfabrik**
**Esslingen a. N.**





## באַלקן־לעכער

טיף־ און קרום־איינשניידונגען.
(Kropfstücke, Kerven)
און צאַפּנס קאָנט איר פרעזירן
מיט דער באַוועגליכער
„מאַפעל“־מאַשין

**„Mafell“**

גלייכצייטיק צו פארווענדן אלס
טרעפּן־פרעז־מאשין און
עלעקטר. האַנטעקבער־
מאַשין

פאַרטרעטער ווערן געזוכט!

פארלאנגט אומזיסטע אָפערטן

Maschinenfabrik Fellbach
G. m. b. H.
Fellbach - Stuttgart - Württemberg
(Deutschland)






## הארעקס מאטאציקלעטן

גאראנטירן גרעסטע לייסטונג / איינ־
פאכסטע באדינונג / האלטן זיך אוי־
סערסט לאנג / קאסטן ביליק / זייט
פיל יארן זיך גלענצענד אויסגעצייכנט.

אפערטן און דרוק־זאַכן ווערן געשיקט
אומזיסט פון דער פאבריק:

**Horex-Fahrzeugbau Akt.-Ges.**
**Bad Homburg 7**

**Reutlinger Strickmaschinenfabrik**
**H. STOLL & Co.**
Reutlingen (Württemberg)



**שטריק־מאשינעס**
אין ערשט־קלאַסיקער אויספירונג פאר
**הויז־אינדוסטריע**
און אויך
**פאר פאַבריקן**
פאַר זאָקן, אונטערקליידער, ספאָרט־ארטיקלען א. א.
**שאַקאָרד־מאַשינעס**
פאר פאר ניידנפארביקע, געמוסטערטע ארטיקלען
**האַנט־ און מאָטאָר־אַרבעט**

**קנאָבלאָך־וועב־מאַשינעס**
דורך פאַטענטן און געברויך־מוסטערן פיל מאָל געשיצט
**גייט אלע פאָרויס!**
ווען איר וועט פארגלייכן אונזערע נייסטע קנאָב־לאָך־וועב־מאַשינעס מיט אנדערע סיסטעמען, וועט איר זיך גלייך איבערצייגן, אז זיי זיינען א סך בעסער. די קנאָבלאָך־וועב־מאשינעס פאראייניקן אין זיך די מעלות פון שנעל־לויפער און געוויינליכע וועב־מאַשינעס.
**שנעל־לויפער־קייטנשטולן „RAPID"**
אין דער העכסטער פולקומענהייט, בעסטער קוואַליטעט און לייסטונגספעאיקייט.
**פרעס־מאַשינעס „PERFEKT"**
**Bruno Knobloch, Apolda in Thüringen**
1878 געגרינדעט — WIRKMASCHINENFABRIK — געגרינדעט 1878

**א באמת גוטע פרנסה**
דורך מאַכן פרויען־ און מענער־זאָקן, אָן נעט, פון באַוול, וואָל אָדער קונסט־זייד גיט אייך די
**ביליקסטע שטריק־מאשין אין דער וועלט!**



**ביליקסטער פרייז!**
**גרעסטע לייסטונגען!**
**איינפאכסטע באדינונג!**

פאדערט אומזיסט צוליב אייער טובה וועגן פראספעקטן פון
**VASANTA**
Maschinenfabrik A.-G., Dresden-N 15

געגרינדעט אין 1886



טעלעגראַפן־אַדרעס:
Plisseemaschine



**פליסע-מאשינעס**
אין פארשיידענע אויספירונגען
פאר דער גאנצער דאַמען־קאָנפעקציע
**דאַמף־און טרוקן־קאַמער**
אומעטום אויפצושטעלן

Plisseemaschinen-Fabrik **Hermann F. W. Seeger,** BERLIN S. 14, Stallschreiberstr. 6



איר
**זוכט אַ מקור פון חיונה?**
א פליסיר־אנשטאלט גיט אייך די מעג־ליכקייט פון גרויסע פארדינסטן
אָן צוגרייטונג
ערשט־קלאסיקע מאשינעס און איינריכ־טונגען באקומט איר פון דער
אלטער ספעציאל־פאבריק
Karl Rabofsky
BERLIN S.W. 61 C,
1425 Belle-Alliance-Straße 92



**איך פאַבריציר אַלס ספעציאַליטעט:**
טאסטן־רינגעל־אפאראטן אין פארשיידענע אויספירונ־גען, אויטמאמאיש און פאר האנט־באטריב, פאָדים־פירער איינפאַך און פלאטירט, שלאָס־טיילן, אָנשלאָג־קאַמען א. א.
**פאר שטריק־מאַשינעס**
פאדערט אפערטן פון דער
Spezialfabrik für Strickmaschinen-Ersatz- und Zubehörteile
**Richard Triebel, Mühlhausen i. Thür.**
(Deutschland)



**Maschinenfabrik**
**Aug. Göbel Nachf.**
Inh. Walter Meyer, Ing.
**Ems - Lahn (Deutschland)**

**געווינד־**
שנייד־מאשינעס,
אויך איינפאכע
**צאפן־**
פרעז־מאשינעס

---

# שניץ־עקבערס
# און שנייד־אייזן
## שטעלט צו אמביל׳יקסטו
## JOSEF BARTHELMESS
**SCHNEIDEWERKZEUGE**
**Erlangen – Bayern**

---



אויב איר דארפט
האָבן
**קוואַליטעט**
**אַמבאָסן**
און כלערליי
געצייג פאר שמידעריי, פארלאנגט אפערטן פון דער
ספּעציאל־פאבריק פאר
קאָוואדלעס געשמידט מיט דער האנט, גוט באדעקט מיט
שטאָל און מאשינעל באארבעט
**Sichelschmidt & Schlasse, Hammerwerke**
**Altenvörde in Westfalen**

---

מיר לייגן אייך פאר דעם אוניווערסאל־וואָלפראם־ווייס־
מעטאל מארקע **„Falke“ D.R.P.** פאר מאשינען־פאבריקן
פאפיר־פאבריקן, וואלץ־ווערק, בערג־ווערק, דינאמא־
ווערקע, גאז־מאטאר־פאבריקן, צעמענט־פאבריקן, און
אייזנבאנען. דער פרייז % קילא 200 מארק, — ביליקער
אלס א 86% צין־מישונג, האט אבער די זעלבע קוואליטעט
אויב ניט נאך בעסער. פארטרעטער ווערן געזוכט.




**WOLFRAM-WEISSMETALL-WERKE**
**Gustav Carl Falkenberg GmbH., Weetzen bei Hannover**

---



J. BERGEON
GELNHAUSEN H.-N.
ערשטע ספעציאל־פאבריק פון
**דעקאָראַציע־סטעמפּלען**
פאַר די סחורות פון
גלאָז־, פאָרצעליי־, עמאַל־ און בלעך־
אינדוסטריע
געגרינדעט אין 1878 יאר
פאַרלאַנגט קאַטאלאָגן

---

א שטענדיקער קוואל פון
פארגעניגן בא דער ארבעט פאר
יעדן

# ציגל־
# מאכער

איז דער
**ציגל־אויוון**
**פון ‘SCHAG’,**
העכער **40,000** אין געברויך.

---

**ציגל־מאכער!**
מיר גיבן אייך גערן אומזיסט
אנווייזונגען וועגן אופן פון דער
ארבעט, וועגן דער אויפשטע־
לונג און דער ווירטשאפטליכע
קייט און אויספירליכע ידיעות
וועגן זיינע מעלות

Ingenieur Gairing,
**Maschinenfabrik G. m. b. H.**
Riedlingen/Württembg.
(Deutschland)

---

זייט 1898 פאבריצירט:
מאשינעס פאר פריזיר און
דאמען־קאמען (אויך פאר האנט־
באטריב), מאשינעס פאר צעלו־
לאיד־ הארן־ און גאלאליט־
סחורות, מאשינעס פאר ציין־,
קאפ־ און קליידער־בערשטלעך
פון צעלולאיד א. א.
MASCHINEN-FABRIK
EDUARD MEEH
in **PFORZHEIM** (Baden)


## לעזט די «אָרט»־ידיעות




רייניקונגס־פאָריכטונג פאַר בענזין DRP. אויסלאַנד־
פּאַטענט טיפּ ND 1 גענוג פאַר וואַש־מאַשינעס ביז 350
ליטער אינהאַלט. אנדערע פאָרמאַטן לויט אָנפראַגע

**August Jungnickel - Hamburg 36**
**ABC-Str. 30/36 — 1892 געגר. — Kellereiartikel טעל.־אדר.**

# ספעציאל־פאבריק פון מאשינעס
## פאר
## כעמישע וואַש־אַנשטאַלטן

פאָריכטונגען צום רייניקן און ארויסנעמען פארבן אדער פעטס פאר וואַש־
בענזין טריכלאָרעטילען אדער טעטראָכלאָר־קוילן־שטאָף, וואָס אַרבעטן
אומאונטערבראָכן, וואַש־מאַשינעס, צענטריפוגן און דעסטיליר־אַפּאַראַטן
פאַר בענזין א. א. וו.

פאר
# בוי-און מעבל-סטאלערייעז
מעבל-פאבריקן,
פאבריקן פאר האלץ-פראדוקטן
און אלערליי האלץ-באארבעטונג

**זאמד-פאַפיר-שלייף-מאשינעס**

פון אלערליי אַרטן, אלס די אלייניקע ספעציאליטעט·

פראָספעקטן און אפערטן אומזיסט!

**Ernst Carstens,** Maschinenfabr.
Nürnberg (Deutschland)



# Junker & Ruh
# גאז-פליטן

ארבעטן מיט דער גרעסטע שפּאָ-
רעוודיקייט און לייכטעסטער בא-
דינונגס-מעגליכקייט, אויסערסט
ווירטשאפטליך און געניי

צו גאקומען דורך די ספעציאל-געשעפטן

**Junker u. Ruh A.-G. Karlsruhe in Baden**
Berlin S. 14 / Hamburg / Köln / München

1630

# שטריק-מאשינעס
## פאר האנט און מאטאר-באטריב
60-יאָריקע דערפאַרונג



**Dresdner Strickmaschinenfabr. Irmscher & Witte A.G.**
Dresden A 28

# 1869—1929
## 60 יאר קוואליטעט
# שטריקמאשינעס פאר אלע צוועקן
פאַר האַנט- און קראַפט-באַטריב

**CLAES & FLENTJE G.M.B.H. / GEGR. 1869 / MÜHLHAUSEN IN THÜRINGEN**

# „אָרט"-ידיעות

## ארויסגעגעבן פון דער צענטראל-פארוואלטונג פונם פארבאנד פאר מלאכה און ערד-ארבעט בא יידן („ארט")

Verband-„ORT", Berlin W 57, Bülowstraße 90, Telephon: Lützow 4986-88

ו׳-טער יאָרגאַנג — בערלין, סעפטעמבער 1929 — Nr. 9




ארטעל פון סטעל־מאַכער אין שטשעדרין (ווייסרוסלאַנד)

# צו דער אינדוסטריאליזירונגס-פראבלעם

ניט טעארעטישע חקירות און פאראויס צוגעטראכטע פלענער, נאר די הארטע ווירקליכקייט, די לעבנס-נויט האבן אצונד ארויסגערוקט בא אונז די אינדוסטריאליזירונגס-פראָבלעם אויפן ערשטן פלאץ. (דרך-אגב, דאס ווארט „אינדוסטריאליזירונג" באנוצט מען בא אונז די לעצטע צייט ניט אין זיין אייגנטליכן באגרעניצטן זין, נאר אין א פיל ברייטערן פארנעם, מ׳פארשטייט אונטער אים ניט בלויז דאס ארייַנדרינגען אין פאבריק, נאר בכלל דאס איבערגיין צו ארבעט און מלאכה אין שטאט און שטעטל, אין אונטערשייד פון לאנדווירטשאפטליכער ארבעט אין דאָרף).

ביז ניט לאנג האט דעם אויבן-אָן אין אונזער קאנסטרוקטיווער געזעלשאפטליכער טעטיקייט פארנומען לאנדווירטשאפט, קאלאניזאציע. און דאס איז גאנץ נאטירליך געווען, ווייל פאר אלעמען איז קלאר געווען, אז פון זיך אליין, מיט זיינע אייגענע כוחות, אָן מלוכהשער אדער געזעלשאפטליכער הילף, קאן דער שרעקליך פארארימטער שטאטישער און שטעטלדיקער ייד ניט איבערגיין צו ערד-ארבעט. קודם כל פעלן אים די גאנץ באדייטנדע מיטלען, וואס פאדערן זיך דערצו. חוץ דעם איז די נייע לעבנס-ספערע פאר אים גענוג פרעמד, ער נויטיקט זיך אין אינסטרואירונג. און קאן זיך ניט באגיין אָן אגראנאמישער הילף.

גאנץ אנדערש, האט מען געדאכט, איז די זאך אין שטאט און שטעטל גופא. דארט געפינט זיך דאך דער ייד אין זיין נאענטער, היימישער סביבה, אין דער געוווינטער אטמאָספער, אין וועלכער ער האט זיך שוין אין משך פון הונדערטער דורות איינגעלעבט און ווו ער האט פון תמיד אָן ארויסגעוויזן אזא ווונדערליכע, ממש אויסערגעוויינליכע צופאַסונגס-פעאיקייט צו כלערליי אומשטענדן און סיטואציעס. דארט, האט מען געדאכט, וועט דער דערפארענער, דורכגעריטענער ייד שוין אַליין אויפזוכן זיין וועג. ער איז גענוג רייך אין קאמבינאציעס און איינפאלן, פארמאגט גענוג ענערגיע און איניציאטיוו און ניט נאר קלארן פארשטאנד, נאר אויך די נויטיקע אינטואיציע, כדי אָנצוטאַפן דעם צאַפלדיקן דופק און דורכשלאגן זיך צום לעבנס-קוואל.

מ׳קאָן ניט לייקענען, אז אין אלגעמיין זיינען די אנגעוויזענע מאמענטן מער אדער ווייניקער ריכטיק, אין דער אנגעמערקטער כאראקטעריסטיק פון דעם יידן איז דא א סך אמת, מ׳האט אבער ארויסגעלאזן פון אויג איין קלייניקייט, אז טאקע גופא אין שטאט און שטעטל האט זיך אט די נאענטע, היימישע סביבה און די געוווינטע אטמאספער גרינטליך געענדערט, זי איז פאר אים אצונד ווייט ניט נאענט, ווייט ניט היימיש געווארן. מ׳דארף דאך ניט פארגעסן, אז די סטיכיע,

ווו דער ייד האט זיך ווירקליך געפילט ווי א פיש אין וואסער, אז דער איינגנטליכער געביט, ווו ער האט אנגעזאמלט זיין רייכע דערפארונג און ווו ער האט ארויסגעוויזן אזויפיל שארפזין און אזא באזונדערע צופּאסונגספעאיקייט, — דאס איז געווען אויסשליסליך די ספערע פון האנדל און פארמיטלונג. וויבאלד אבער אט דער פאר אים נאטירליכער און אייגנטימליכער באָדן גליטשט זיך ארוים פון זיינע פיס, וויבאלד פון האנדל און פארמיטלונג איז ער געצוווּנגען איבערצוגיין צו ארבעט און מלאכה, פארלירט ער א גרויסן טייל פון זיין אינווייניקסטער פעסטקייט און צוגעפּאַסטקייט און ווערט אין א געוויסן זין הילפלאז און הינטערשטעליק.

איז נאך אין יענע יארן, ווען פאר אים זיינען געווען ברייט געעפנט די טויערן פון די גרויסע און רייכע לענדער מעבר לים, ווו פאר אים האבן זיך אַנטפּלעקט אומגעהויערע ארבעטס-מעגליכקייטן, האט ער זיך פילוויניק געקאנט באגיין אן ארגאניזירטער געזעלשאפטליכער הילף. גאנץ אנדערש איז די לאגע אצונד, ווען יענע טויערן זיינען פעסט פארהאקט און פאריגלט און ווען גרויסע יידישע מאסן פון מזרח-אייראָפּע זיינען געצוווּנגען דורכצושלאָגן זיך דעם דערנערפולן וועג צו ארבעט און מלאכה אין די אלטע היימען אין די אויסשליסליך שווערע און אומגינסטיקע תנאים, וואס מ'קאן זיך נאר פארשטעלן. דא איז די ארגאניזירטע געזעלשאפטליכע הילף ניט ווייניקער דרינגענד ווי באם איבערגאנג צו לאנדווירטשאפט.

אין דער ערשטער רייע דארף דא אויך קומען די געזעלשאפטליכע מאָבּיליזירונג פון פּראָדוציר מיטלען, וואס די דעקלאסירטע שיכטן און אויך די פּאַראָרימטע בעלי-מלאכות זיינען אליין, מיט אייגענע כוחות, ניט ביכולת איינצושאפן. אמת, דא פאדערן זיך פארהעלטניסמעסיק פיל קלענערע מיטלען איידער בא לאנדווירטשאפט, אבער טאקע א דאנק דעם האבן מיר דא די מעגליכקייט צו דערגרייכן ניט אין א ערך גרעסערע רעזולטאטן ווי דאָרט. און דאס בילדעט טאקע דעם גרונט-מאמענט, וואס גיט צו דער אינדוסטריאליזירונגס-ארבעט איר אויסשליסליכן ווערט און אקטועלן באטייט. בא דער אומגעהויער גרויסער וויכטיקייט פון דער געזעלשאפטליכער ארבעט אויפן געביט פון לאנדווירטשאפט און קאָלאָניזאַציע, בא באמת זעהר באדייטנדע און זעהר וויכטיקע רעזולטאטן, וואס זיינען פאר די לעצטע יארן אין דער הינזיכט דערגרייכט געוואָרן, קאן מען דאך ניט פארמאכן די אויגן אויף דעם, אז אין כמות גענומען, זיינען אונזערע לאנדווירטשאפטליכע און קאלאניזאציע-מעגליכקייטן שטארק באגרעניצט, דאס איז אין בעסטן פאל אן ארבעט, וואס איז אויסגערעכנט אויף דורות. ווען עס שטעלט זיך אבער די פּראָבּלעם פון גרויסע מאסן, וואס קאנען ניט ווארטן, וואס זוכן דרינגענד אן ענטפער אויף זייער לעבנס-פראגע, דאן קאן לאנדווירטשאפט און קאלאניזאציע ניט בילדן ניט נאר די איינציקע לייזונג, נאר אפילו די הויפּט-לייזונג, דאן מוז דעם פאדער-פלאץ פארנעמען די אזוי גערופענע אינדוסטריאליזירונג.

נאר פאר דער אינדוסטריאליזירונג איז נויטווענדיק ניט בלויז די מאבילירונג פון געזעלשאפטליכע מיטלען, ניט ווייניקער, אויב ניט פיל מער נויטווענדיק און וויכטיק איז דא די געזעלשאפטליכע איניציאטיוו, דאס אינסטרואירן און וועג-ווייזן. אין דער הינזיכט איז דא די געזעלשאפטליכע אויפגאבע ניט אין אן ערך קאמפּליצירטער ווי בא לאנדווירטשאפט. אנשטאט דעם איינציקן פאכמאן, דעם אגראנאם, ווי דאס איז דער פאל בא לאנדווירטאשפט, פאדערן זיך דא די קאמבינירטע פאראייניקטע כוחות פון פארשיידענע „ספּעצן" — דעם עקאנאמיסט, דעם ווירטשאפטלער און דעם טעכניקער. זיי אלע צוזאמען מוזן דא קומען צום ווארט. אויספארשן די קאנקרעטע עקאנאמישע לאגע און אירע אנטוויקלונגס-טענדענצן סיי אין יידישן, סיי אין ארומיקן לעבן, ווי געהעריק באנעמען און אָפּשאצן די געגעבענע ווירטשאפטליכע סיטואציע, די רוי-שטאף-פארהעלטניסן, די אָפּזאץ-מעגליכקייטן וכדומה, אנווייזן און ארייינפירן אין דער יידישער סביבה די פארפולקומענע מעטאדן פון מאדערנער טעכניק — דאס זיינען די הויפּט-ריכטליניען פון דער געזעלשאפטליכער ארבעט אויפן אינדוסטריאליזירונגס-געביט. אויפגאבן, וואס פאדערן די מאָבּילירונג און קאנצענטרירונג פון אלע אונזערע בעסטע און אקטיווסטע געזעלשאפטליכע כוחות.

# אין וועלט פון ארבעט און מלאכה

## ראַציאָנאַליזירונג אין האַנטווערק

איך האב זעהר מורא, אז די ארטיקל-סעריע, וואס מיר הויבן דא היינט אָן צו דרוקן און וואס איז בארעכנט אויף האנטווערקער, וועט דוקא בא זיי קיין אינטערעס ניט ארויסרופן. וועגן די, וואס האלטן נישט פון קיין שום טעכנישע נייעס און מיינען, אז מיט דעם אמאליקן שטייגער ארבעט קאן מען דאס גאנצע לעבן זעהר גוט אויסקומען, איז איבערהויפּט ניטא וואס צו רייידן. די יעניקע ווידער, וואס פארשטייען די נויטווענדיקייט זיך צוצופּאַסן צו דער נייער צייט, וועלן אפשר מיט פארביטערונג אנקוקן דאס קעפּל פון ארטיקל און חושד זיין דעם מחבר, אז ער וויל זינדיקן מיט לועג לרש. דער יידישער האנטווערקער לעבט איצט איבער אזוינע שווערע צייטן, קוים וואס ער באוויזט צו באפרידיקן די עלעמענטארסטע באדערפעניש, און דא וועט מען קומען צו אים און מ'וועט אים דערציילן וועגן נייעסן, וואס פאדערן מסתמא גרויסע געלטער אויף איינארדענונג און אויף איבערצובויען די ווארשטאטן. וואס זשע וועט דאס אים נוצן?

אויך ארבעטער וועלן אפשר קוקן מיט חשד אויף ראציאנאליזירונג. עס איז מסתמא דערגאנגען צו זיי, אז אין דער גרויס-אינדוסטריע איז די ראציאנאליזירונג אפטמאל פארבונדן מיט א פארשטארקטער עקספּלאָטאַציע, און עס וועט זיך זיי אויסדוכטן, אז דא קומט מען ארייינצופירן אין יידישן האנטווערקער-לעבן די רעצעפּטן פון יענער עקספּלאָטאַציע.

א טייל אמת איז זיכער פאראן אין דעם דאזיקן אומחן בנוגע איינפירן ראציאנאליזירונג אין יידישן האנטווערק. אין תוך אבער איז עס געבויט אויף איין גרויסער מיספארשטייעניש: אויף צונויפמישן דעם פרינציפּ מיט צופעליקע פאקטן. די פרינציפּן פון ראַציאָנאַליזירונג אנטהאלטן נישט קיין שום זאך, וואס זאל שאָדן ברענגען דעם האנטווערק. אדרבה, זיי זיינען באַרופן צו הויבן אים און צו באַפעסטיקן זיינע פאזיציעס אין איצטיקן ווירטשאפטליכן לעבן. מ'דארף נאר באם פארווירקליכן די אלגעמיינע כללים האַלטן אזוי, ווי עס פאדערט די געגעבענע סביבה, מען דארף נישט בלינד נאכמאכן פרעמדע מוסטערן. א ריכטיק פארשטאנענע ראציאנאליזירונג קאן און דארף בא אונז שטיין אויפן סדר-היום. מיר וועלן דעריבער זיך אָפּשטעלן צוערשט אויף יענע דערגרייכונגען פון דער ראציאנאליזירונג, וואס מ'קאן זיי אויסנוצן אן אינוועסטיציעס אדער מיט דער קלענסטער איינמאליקער הוצאה.

# בריוו פון פוילן

גוטע גערעטעניש. — לאדזש רעאַגירט דערויף, די פאבריקן הויבן אָן ארבעטן אינטענסיווער. — אויפלעבונג בא תבואה־הענדלער. — רעגירונג צאלט רבי־געלט פאר איר תבואה־פּאָליטיק. — דער קרעמער קוקט שוין אויס די אויגן אויפן פויער. — א צו גרויסע „גערעטעניש" אויף קרעמער. — קאָנקורענץ פירט צו „פליטה". — דער אומגעהויערער וווקס פון דער קאָנסום־קאָאָפּעראציע. — דער יידישער סוחר אין שטאט און דארף און די כפּרה־הינדל. — דער מוסר־השכל. — א נייער קאַפּיטל אין עטאַטיזירונגס־פּאָליטיק אויפן געביט פון וואלד־ און פלאקס־האנדל. — וואס דאס באטייט פאר דער יידישער באפעלקערונג.

דער הימל הויבט אָן א ביסל זיך אויסצולייטערן בא אונז. דורך דער שווארצער כמארע פון עקאנאמישן קריזיס, וואס היינגט איבער פוילן שוין העכער א יאר צייט, הויבט זיך אָן דורכשלאגן א שטראל פון האפענונג. די האפענונג קומט פון די גרינע פעלדער, וועלכע זאלן היי־יאר ברײנגען א שפע פון תבואה. מבינים ווייסן צו זאגן, אז היי־יאר וועט מען אראפּנעמען פון די פעלדער תבואה פאר א גאנצן מיליארד זלאָטעס מער, ווי אין פאָריקן יאר. די סטאטיסטיקער אבער, וועמען סיגעהערט דאס לעצטע ווארט אין דער דאזיקער פראגע, שווייגן נאך לעת־עתה, זיי איילן זיך ניט צו מאכן דעם חשבון. צום שניט פון ווינטער תבואה איז מען ערשט צוגעטראטן, די קארטאפל וועט מען גראבן ערשט אין אקטאבער, איז נאך פריצייטיק אונטערצופירן דעם ריכטיקן סך־הכל.

דאס איז אמת. אבער א רענדל ארויף, א רענדל אַראָפּ — דאס היי־יאריקע גערעטעניש איז לכל הדעות א גוטע, העכער פון מיטלמעסיק. דערמיט רעכענען זיך דא אלע, ווי מיט א פאקט, סיי דער האנדל, סיי די אינדוסטריע. לאדזש האט אנגעהויבן דערווייל צוצוגרייטן ווינטער־סחורות. די גרעסערע פאבריקן, וואס האבן דעם גאנצן זומער געארבעט נאר 2—3 טעג אין וואך אדער נאך ווייניקער, האבן שוין אנגעהויבן צו ארבעטן 5 טעג אין וואך, און זאל מען נאר אנהויבן זען א ביסל פדיון פאר די אויגן, וועט מען לאזן די פאבריקן אין פולן גאנג. אויך די טרי־קאטאזש־אינדוסטריע האט זיך א ריר געטאן פונם טויטן פונקט, אויף וועלכן זי איז געבליבן שטיין פארגליווערט נאך פון פאראיארן אָן. די לעדער־אינדוסטריע וועט ניט אזוי גיך קאנען קומען צו די כוחות נאכדעם, ווי זי איז אָפּגעלעגן א געפלעווטע אזא שטיק צייט. אבער אויך דא לאזן זיך באמערקן אייניקע, הגם נאך זעהר שוואכע, סימנים פון אויפלעבונג.

ווער ס׳האלט יא באם אויפלעבן, איז דאס דער תבואה־הענדלער. ס׳הייסט צום אויפלעבן איז נאך ווייט. לעת־עתה ליגט נאך דער תבואה־האנדל ניין איילן אין דער ערד. זייט 2 יאר ווי די רעגירונג האט זיך גענומען רעגולירן און קאָנצענטרירן דעם מסחר פון תבואה. זי האט אליין איינגעקויפט קאָלאָסאַלע זאַפּאַסן פון תבואה, זיי מאַגאַזינירט, לחלוטין פארבאטן דעם עקספּאָרט פון תבואה און דערפירט דערצו, אז אין לאנד זיינען געבליבן ליגן נאך פון פאראיארן צענדליעקר טויזנטער וואגאנעס תבואה, פאר וועלכן מ׳זוכט איצט אן אָפּזאַץ־מאַרק. בא אונזער שטענדיק־פּאַסיוון האנדלס־באַלאַנס וואלט זעהר און זעהר צונויץ געקומען דאס ביסל וואַלוטא, וועלכע מ׳וואלט געקאנט אָפּלייזן פאר דער תבואה, וואס ליגט ווי א שטיין־סחורה דא אין די שפּייכלערס. האט טאקע די רעגירונג אפּגעשאפט דעם פארבאט פון תבואה־עקספּארט, און מ׳האפט, אז נאכדעם, ווי די רעגירונג האט זיך אין די פריערדיקע יארן אזוי שטארק אָפּגעבריט מיט איר תבואה־פּאָליטיק, פאר וועלכער זי האט צוגעטראגן שווערע מיליאנען רבי־געלט, וועט זי מער קיין חשק ניט האבן צו מישן זיך אין תבואה־האנדל. דרייט זיך טאקע ארום דער תבואה־סוחר מיט א טיפּן בטחון אין הארצן, אז דער מארגעדיקער טאג געהערט צו אים.

און ווי האלט עס מיטן קרעמער? קיינער האט אזוי הייס ניט געבעטן אויף א גוטער גערעטעניש אויף פרעמדע פעלדער, ווי דער יידי־

## אומאָרדענונג קאָסט צו טייער

די אילוסטראציע צום ארטיקל שטעלט פאר צוויי בילדער: ווי אזוי מ׳אַרבעט באַ אַ שרובשטאָק מיט אַן אָרדענונג, און ווי אזוי דער זעלביקער שרובשטאָק זעט אויס בא איינעם, וואס איז געוווינט צו אומאָרדענונג. באם ערשטן האט איטליך שטיקל געצייג זיין באַשטימטן פלאַץ, און דער ארבעטער פארלירט ניט קיין איין רגע אויף צו זוכן דאס ווערקצייג. אין צווייטן פאל ווערט איטליך מינוט איבערגעריסן די ארבעט, אום אויפצוזוכן דאס געצייג, און ווער ווייס, וויפל ארבעטס־צייט עס גייט לאיבוד, ווען א שטיק געצייג פארוואלגערט זיך אויף דער פאָדלאָגע און מ׳קאָן עס צום נויטיקן מאָמענט נישט געפינען.

דאס זיינען אלטע, גוט באקאנטע זאכן, און פונדעסטוועגן טרעפט מען אזוי זעלטן א ווארשטאט, וואס זאל זיין ענליך צום ערשטן בילד, און צו אָפט, ליידער, איז א יידישער ווארשטאט געגליכן צום צווייטן בילד. דער בעל־מלאכה האט קיין צייט נישט אויפצוראמען, און ער האט זיך דערביי זיין אויסרעכענונג: איפּראַמען פאָדערט אויך צייט, היטן כסדר די ארדענונג פאָדערט אויפמערקזאמקייט, טאָ זאָל שוין גיין ווי עס גייט, מ׳וועט שוין אויסקומען אויך מיט דער אומארדענונג.

א געפערליכער אויספיר!

זינט עס זיינען אויפגעקומען די ראציאנאליזירונגס־באַשטרעבונגען, האט מען זיך טיפער אריינגעטראכט אין דעם ענין פון אָרדענונג, און עס איז דערוויזן געווארן, אז די אומאָרדענונג באם ארבעטס־פלאַץ קאסט



אָרדענונג

און

אומאָרדענונג אין ווארשטאט

דעם האנטווערקער זעהר טייער, א סך טייערע, ווי ער שטעלט עס זיך פאר. כדי עס צו פארשטיין, מוז מען זיך א ביסל אריינטיפן אין דעם ענין מענשליכע ארבעט. א מענש איז ניט קיין טויטע מאשין אויף אוים

שער קרעמער אין פוילן האט עס געטאן היי-יאר. חדשים-לאנג האט דער קרעמער ניט געזען דעם פויער פאר די אויגן. דער ווינטער איז געווען א גרויזאם קאלטער, דער פרילינג-סעזאן א טויטער. גראד אין פרילינג האט זיך געמאכט א שטארקע מפלה אויף תבואה, די פרייזן זיינען מיט אמאל א פאל געטאן אויף 70—80 פראָצענט, און דער פויער האט ניט געהאט פאר וואס צו קויפן עפעס אין שטאט. אין די זומער-חדשים באווייזט זיך דער פויער איבערהויפט זעהר זעלטן אין שטאט און אין שטעטל — ער האט וויטכיקערע עסקים צו דערליידיקן אין דארף. קוקט איצט ארוים דער קרעמער אויפן פויער, ווי אויף משיחן — אט וועט ער אַראָפּנעמען די תבואה פונם פעלד און וועט קומען אין שטאט אריין איינקויפן מיט דער פולער האנט אליך, וואס ס'איז אים נויטיק פארן הארבסט און ווינטער.

וואלט דאך געווען גוט, איז אבער דער חסרון, וואס מיר האבן דא — ניט צו פארזינדיקן — אזוי פיל קרעמער, אז דער גרעסטער פדיון קאן פאר אלעמען ניט סטייען.אט דא ניט לאנג האט אן אנגעזעענע ווארשעווער צייטונג געמאכט א שפּאָגל-נייע אנטדעקונג, דהינו, — אז מיר האבן צופיל הענדלער. „אין אלע בראנזשעס — ווייסט די צייטונג צו דערציילן — קלאגט מען זיך כסדר, אז עס זיינען פאראן צופיל סוחרים, דריי מאל אזוי פיל, ווי מ'דארף האבן אין דער ווירקליכקייט.... „דריי סוחרים רייסן זיך נאך איין קונה, און דער פדיון, אפילו אין די בעסטע סעזאנען, איז ניט אימשטאנד צו באפרידיקן די גרויסע צאל סוחרים, וואס ווילן מאכן א לעבן פון האנדל...“ די צייטונג האט זיך געכאפּט א ביסל צו שפּעט, אבער נו, מילא. אויב א ייד, וואס איז אמאל אנגעקומען צום וואקזאל נאכדעם, ווי זיין צוג איז אָקאָרשט אָפּגעגאנגען, האט געקאנט געפינען א טרייסט אינם באקאנטן גלייכווערטל — „בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל ניט“, — מעגן מיר זיך אויך טרייסטן דערמיט, וואס כאטש איצט איז די צייטונג געקומען צו דער הארבער פראגע: „וואס זשע זאל מען טון מיט דער צו גרויסער צאל סוחרים...?“

יא, די קאנקורענץ צווישן די יידישע קרעמער איז ווירקליך געווארן א פארעקשנטע, א פארצווייפלטע, וואס וויל פון קיין קאלקולאציעס ניט וויסן. מ'איז גרייט צו פארקויפן אונטערן קרן, אבי צו זעען זיך מיט א מזומנעם גראשן. און אזוי עסט מען אויף צו ביסלעכווייז דעם גרונט-קאַפּיטאַל — וואס זשע איז דער חידוש, אז ווען דאס רעדל הערט אויף א ווילע זיך צו דרייען, בלייבט ניט קיין אנדער אויסוועג, ווי צו מאכן פּליטה.

אבער זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס זאל פארט טאן דער קרעמער, ווען ער פילט, אז דער פדיון גליטשט זיך ארוים פון זיינע הענט? ווארים אין דער צייט, ווען די קרעמער פירן צווישן זיך אזא פארביטערטע קאנקורענץ אין שטאט, איז הינטער זייערע פלייצעס אויפגעשטאנען א נייער קאנקורענט אין דאָרף. דאס איז די דארפישע קאָאָפּעראַציע, וועלכע וואקסט ווי אויף הייוון. מיט א פּאָר וואָכן צוריק זיינען פארעפנטליכט געווארן אייניקע ציפערן, וואס כאראקטעריזירן דעם וווּקס פון דער אוקראינישער קאָאָפּעראַציע אין פוילן, און עס ווייזט זיך, אז די צאל פון די אוקראינישע קאנסום-קאאפעראַטיוון האט זיך פארגרעסערט אויף 17 מאל אין פארגלייך מיט זייער צאל אין יאר 1913. אין די לעצטע 5—4 יאר זיינען אנטשטאנען נייע 1000 דארפס-קאָאָפּעראַטיוון. דאס איז נאר אין מזרח-גאליציע אליין. אין וואָלין און פּאָלעסיע זיינען אויך צוגעקומען פאר דער צייט עטליכע הונדערט פרישע אוקראינישע קאָאָפּעראַטיווע קראָמען. סיי דאָ, סיי דאָרט צילט און טרעפט די אוקראינישע דאָרפישע קאָאָפּעראציע דעם יידישן קרעמער. דער חילוק איז נאר דער, וואס אין וואָלין כאַפּט זי אים אין שטעטל, און אין מזרח-גאליציע האט זי אים אונטער דער האנט, טאקע אין דארף גופא. ס'איז באַקאַנט, אז א באַדייטנדער טייל (40 פּראָצענט) פון דער יידישער באפעלקערונג פון מזרח-גאליציע האט פאר דער וועלט-מלחמה געוווינט אין דארף. די יידן האבן זיך דא מערסטנטיילס פארנומען מיט קרעמעריי און שענקעריי. אט זיי האט די דארפישע קאָאָפּעראַציע דערהרגעט. „כמעט אלע היגע יידישע געוועלבן זיינען געבליבן אן פרנסה צוליב דעם אנטשטיין פון דער אוקראינישער קאָאָפּעראַציע“ — דערציילט א ייד פונם דאָרף אָלסאָווי ביאַלע (אין מזרח-גאליציע) אין דער לעמבערגער צייטונג „מאָרגן“, און אזעלכע טרויעריקע ידיעות קומען אָן כמעט פון אלע מזרח-גאליצישע דערפער, ווו ס'זיינען געווען גרעסערע יידישע ישובים.

---

צופירן די אדער יענע מעכאנישע באוועגונג. ווען דער מענש טוט עפעס א מעכאנישע ארבעט, ווען דער מענש מאכט א נוציקע באוועגונג, פארברויכט ער בשעת מעשה צוויי ערליי ענערגיעס: ערשטנס, פארווענדט ער די איינפאכע מעכאנישע ענערגיע פון זיינע מוסקלען און, צווייטנס, באטייליקט זיך דערין זיין באַוווּסטזיין, ד. ה. — ער פארברויכט נערוון-ענערגיע. די דאזיקע ענערגיע איז זעהר א טייערע, יעטווידער יחיד האט אין זיין רשות א באגרעניצטן סכום אירן, און ווען ער וויל א סך אויפטאן, האט ער נאר איין מעגליכקייט: ער דארף זען אזוי צו ארבעטן, אז נערוון-ענערגיע זאל פארברויכט ווערן וואס ווייניקער. צום גליק פאר אונז האט די נאטור אזוי געבויט דעם מענשן, אז ער קאן עס ווירקליך דערגרייכן. דהיינו, ווען איין און די זעלביקע באוועגונג ווערט זעהר א סך מאל איבערגעחזרט, באקומט דער מענש די פעאיקייט אויסצופירן די זעלביקע באוועגונג אויטאָמאַטיש. אדער אנדערש גערעדט: די באוועגונג, וועלכע איז א סך מאל איבערגעחזרט געווארן, קומט שוין דערנאך צושטאנד אן דער באטייליקונג פון באַוווּסטזיין, עס קורעווען מיט דער דאזיקער באוועגונג נערוון, וועלכע ליגן אונטערן באוווּסטזיין, אזוי צו זאגן, בילינקערע, מינדערווערטיקע נערוון. דאס גאנצע לעבן פון א קולטור-מענש איז געבויט אויף אזוינע אויטאמאטישע באוועגונגען. אויטאמאטיש גייען מיר, אויטאמאטיש עסן מיר, טוען אָן אונזערע קליידער א. א. וו. און יעדער הארעפּאַשנער מענש מוז זעען, וואס מערער אויסצונוצן דעם „אויטאָמאַטיזם“.

ווען א קינד לערנט זיך עסן „מעשה מענש“, ווען א קינד לערנט זיך שרייבן, זעען מיר דייטליך, מיט וואס פארא שוועריקייטן דאס קומט אים אָן צוערשט און ווי אזוי עס ווערט ביסלעכוויז איינגעאיבט דערין. אויף אייגעם, וואס איז נישט באהאווגט אין די שווארצע פינטלעך, דריקט מען זיך אוים, אז ער „שוויצט“ באם לייענען. פאַראַן טאַקע פאַלן, ווען דאס איז בוכשטעבליך אזוי. דעם ניט געניטן קומט אָן דאס לייענען אזוי שווער, וויל זיין באַוווּסטזיין איז שריט בא שריט באַטייליקט אין באהעפטן די געדרוקטע אדער די געשריבענע אותיות צו זילבן און ווערטער. מיר מאכן עס שוין באם לייענען אויטאמאטיש, דאס עצם לייענען קאסט אונז נישט בכן קיין מי, און מיר קאנען זיך איינגאנצן אָפּגעבן מיט דעם אינהאלט פון די ווערטער און זאצן. א בעל-מלאכה, וועלכער גייט צו צום ערשטן מאָל צום ווארשטאט, איז אין דער באַציאונג געגליכן צו א קינד, וואס האט זיך גענומען צום אלף-בית. יעטווידע באוועגונג קאסט אים א סך מי, און ער האט נאר איין מיטל איינצושפּאָרן זיין ענערגיע: ער מוז שטרעבן דערצו, אז זיינע באוועגונגען זאלן ווערן אויטאמאטיש. ווי זשע דערגרייכט מען עס בנוגע דער פראגע, וועלכע מיר באהאנדלען דאָ? אויסשליסליך אויף אזא אופן, אז ער וועט פאר איטליך שטיקל געצייג האבן א באשטימטן פלאץ און שטענדיק אוועקלייגן צוריק דאס געצייג אויף דעם באשטימטן פלאץ. אזא געוווינהייט וועט סוף כל סוף ברייגגען דערצו, אז די הענט וועלן אליין גיין צום געצייג, און דער בעל-מלאכה וועט אפילו ניט באמערקן, ווי ער וועט האָבן גענומען א שטיק געצייג און עס אוועקגעלייגט צוריק.

לויפט מען דערפאר מאסנווייז פון דארף. מ'איז זיך משער, אז אין מזרח-גאליציאנישן דאָרף איז איצט פארבליבן נאר א דריט-חלק פון דער יידישער פארמלחמהדיקער באפעלקערונג. גענויע סטאטיסטישע דאַטן פעלן. אבער אויך די פארבליבענע אין דארף יידן איז ניטא וואס צו מקנא זיין. קיין האָניק לעקן זיי ניט דאָרטן אין דאָרף. די לאגע זייערע איז אזא שווערע, אז ס'איז אנטשטאנען דער געדאנק צו גרינדן אין גאליציע א פארבאנד פון דאָרפס-יידן, וואס זאל אנהויבן א רעטונגס-אקציע.

ס'איז נאך היינט צו טאג ניט קלאר, צי אזא פארבאנד וועט טאקע געגרינדעט ווערן, און אויב יא, וואס וועט ער אנהויבן צו טאָן. אבער איינס איז שוין יא קלאר, אז דער גורל פון די דאזיקע דאָרפס-יידן איז זעהר באלערנד. צענדליקער יארן האבן די דאזיקע יידן — און אין א סך פאלן אויך זייערע זיידעס און עלטער-זיידעס. — געוווינט אין דאָרף, זיי זיינען געשטאנען אזוי נאענט צו ערד, און דאך האבן זיי זיך מיט א פינגער ניט צוגערירט צו איר. ס'איז זיי ניט אנגעשטאנען צו ווערן פויערים, צו פארבייטן די „בכבודיקע" שענקעריי און קרעמעריי אויף דער „עם-הארצישער" ערד-ארבעט. איצט, ווען דער פויער איז געוואָרן דער יחסן, ווען די דארפישע באפעלקערונג האט אנגעהויבן צו שפילן א ראָלע אין פּאָליטישן און געזעלשאפטליכן לעבן פון לאנד, ווייסן ניט די דאָרפס-יידן, ווו זיך אהינצוטאָן. פאר זיי איז אין דאָרף קיין ארט ניט געבליבן...

אוי, זאָג איך אייך, איז דער מלאך-הדומה פון דער געשיכטע א נוקם ונוטר. ער רעכנט זיך אָפּ מיט קינדער און קינדס-קינדער פאר די זינד פון די זיידעס און עלטער-זיידעס....

ווארשע, אויגוסט 1929 א. איינענער

עיקר שכחתי. איר מוזט אודאי וועלן וויסן, ווי האלט עס בא אונז מיטן עטאטיזם. איז דאנהט ניט. טאָמער איז א שטיקל צייט שטיל געווען, האט מען איצט אויף א נאָווינע ארויפגענומען אויפן טיש די פראגע וועגן עטאטיזם פונם האנדל מיט פלאַקס און מיט וואלד. וועלדער אין פוילן פעלן ניט, קיין וואלד-סוחרים אודאי ניט, און אז צווישן די וואלד-סוחרים איז פאראן א שפּאָר ביסל יידן (אן ערך 90 פּראָצענט), איז איבעריק צו דערציילן. גאנצע 60 פּראָצענט פון אלע וועלדער געהערן דער מלוכה, וועלכע פלעגט ביז איצט פארקויפן באַשטימטע וואלד-טיילן דעם פריוואטן סוחר. איצט האט זיך די רעגירונג מישב געווען, אז זי וויל אליין פירן די עקספּלאָאַטאַציע פון אירע וועלדער און קאָנצענטרירן דעם גאנצן וואלד- און האלץ-מסחר אין די הענט פון איין סינדיקאט, אין וועלכן די פריוואטע וואלד-פירמעס זאלן זיין באַטייליקט נאר מיט 9 פּראָצענט. קאָן מען זיך פארשטעלן, וואס פאַר אַ צערודערונג ס'האט ארייַנגעטראָגן דער דאזיקער רעגירונגס-פּראָיעקט אין די קרייזן פון די וואלד-סוחרים. פונם גאנצן לאנד זיינען זיך באלד צונויפגעפארן קיין ווארשע די פארשטייער פון די וואלד-סוחרים-פאראיינען אויף א קאנפערעניץ, וועלכע האט אנגעמערקט אייניקע מיטלען, ווי צו באשיצן די באדראָטע אינטערעסן פון די וואלד-סוחרים. מ'האפט, אז אויך די האנדלס-קאמער וועט אינטערווענירן בא דער רעגירונג לטובת די סוחרים.

אין דעם מאמענט, ווען די דאזיקע שורות ווערן געשריבן, קאן מען נאך ניט וויסן, ווי די זאך וועט זיך ענדיקן, אויף ווי ווייט ס'וועט זיך איינגעבן עפּעס אָפּצושרייען בא דער רעגירונג. אבער צו דעם דאזיקן ענין, ווו ס'האנדלט זיך וועגן טויזנטער עקזיסטענצן פון וואלד-סוחרים, האליץ-הענדלער און זייערע אנגעשטעלטע, וועט נאך אויסקומען זיך אומצוקערן אין איינעם פון די ווייטערדיקע בריוו.

נאך איין פאקט קומט דא אין באטראכט, וועלכער איז אויך איפּגעדעקט געוואָרן א דאנק די נייערע אויספארשונגען. ווען איין און די זעלביקע באַוועגונג ווערט דורך מענשן א סך מאל איבערגעחזרט אדער איינגעאיבט, געווינט מען, ערשטנס, אין דער נערוון-ענערגיע, א דאנק דער אקוראַטער באשריבענער אויטאמאטיזירונג, און, צווייטנס, געווינט מען אויך אין מעכאנישער ענערגיע, אין מוסקול-ענערגיע. עס ווייזט זיך ארויס, אז ווען א מענש טוט עפּעס אַן אַרבעט צום ערשטן מאָל, שפּאנט ער איין צו דער ארבעט א סך מער מוסקולן, ווי עס איז אייגנטליך נויטיק. ערשט בהדרגה און ביסלעכווייז ווערט ער צוגעוווינט זיך צו באגיין בא דער זעלביקער ארבעט מיט א קלענערער מוסקול-אנשטרענגונג, און נאך א לענגערער איינאיבונג פאלט די פארברויכטע מוסקול-ענערגיע ביז גאר. אָט דאס איז איינע פון די סודות פון א געניטן ארבעטער.

די אונטערשטע שורה איז, אז ווען א בעל-מלאכה איז אָפּגעלאָזן און האָט נישט איינגעפירט קיין אָרדענונג אין זיין ארבעטס-פּלאַץ, פארלירט ער א סך מערער ווי די צייט, וואס גייט בא אים אוועק אויף צו זוכן די נויטיקע געצייג. ער פארשווענדט און נוצט נישט אוים די אומגעהויערע מעלות פון די איינגעאיבטע און אויטאמאטיש-געוואָרענע באוועגונגען. פארקערט, אט איז א פאקט, וועלכער באווייזט, וויפיל מ'קאן געווינען פון א ריכטיקער ארדענונג בא די געצייג. אין איינעם א ווארשטאט אין סידניי (אויסטראליע) האט מען געאַרבעט אויף אַקאָרד, און אלע אין ווארשטאט האבן פארדינט בערך דאס זעלביקע, מער ניט איין ארבעטער פלעגט אויסארבעטן אויף 50 פּראָצענט מערער פאר די איבעריקע. מיט דער זאך האט זיך פאראינטערעסירט איינער א פאָרשער, ווארום דער ארבעטער איז גראד ניט געווען נישט שטארקער און נישט פלינקער פאר די איבעריקע און האט זיך אויך נישט אנגעשטרענגט מערער פון זיי. בא א גענויער נאָכפאָרשונג האט זיך אָבער ארויסגעשטעלט אָט וואס: יעדער פרימארגן פלעגט דער דאזיקער ארבעטער פאַרן צוטרעטן צו דער ארבעט גופא פארברויכן א האלבע שעה צייט אויף צו פונאנדערלייגן בא זיך אויפן טיש אלע אינסטרומענטן און מכשירים לויט א גענוי באשטימטן סדר, וועלכן ער האט אליין צוגעטראכט. לינקס פלעגט ער אוועקלייגן די געצייג, וואס בשעת דער ארבעט קומט זיי אויס אנצונעמען מיט דער לינקער האנט, און רעכטס זיינען געלעגן בא אים יענע זאכן, וואס ווערן אנגענומען מיט דער רעכטער האנט. די געצייג, וועלכע ער האט אין פארלויף פון טאג געדארפט נוצן א סך מאָל, פלעגט ער אוועקלייגן נאענטער צו זיך און די איבעריקע — ווייטער פון זיך. דער עיקר אבער איז געווען, וואס יעטווידער מכשיר און אינסטרומענט האט געהאט בא אים זיינעם א גענוי-באשטימטן פלאַץ אויפן טיש. דערין איז באשטאנען די גאנצע המצאה פון דעם ארבעטער, און דאס האט אים געגעבן א מעגליכקייט צו פארגרעסערן זיין פּראָדוקציע אויף 50 פּראָצענט אין פארגלייך מיט אנדערע ארבעטער, וועלכע האבן זיך נישט דערטראכט צו דער ראציאנאליזירונג!

די איינאיבונג אין די אויטאמאטישע באַוועגונגען שפילן א גרויסע ראלע נישט בלויז באם באַנוצן זיך מיט די מכשירים. נאך וויכטיקער זיינען זיי אין די ארבעטס-פּראָצעסן גופא. פון דער אנדער זייט פאדערן זיך צו דער ריכטיקער איינאָרדענונג פון דעם ארבעטס-פּלאַץ נאך אנדערע זאכן, א חוץ דער ריכטיקער פונאנדערלייגונג פון די מכשירים. וועגן דעם דארף זיין די רייד אין ווייטערדיקע ארטיקלען.

י. יאַשונסקי

# פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין רוסלאַנד

(לויט דער יידישער סאָוועטישער פּרעסע)

דאס יידישע שטעטל פריער און איצט. — א בילד פון א טיפּישן יידישן שטעטל. — דער קליינער פּראָצענט דעקלאסירטע בא ערד־איינאָרדענונג. — די ארבעט אויפן געביט פון „געזונט מאכן דאס שטעטל“. — דער מאנגל אין רוי־שטאף. — די פּרוּוון אריבערצופירן די יוגנט אין דער אינדוסטריע און אויף שווארץ־ארבעט.

די לאגע פון דער יידישער שטעטלשער באפעלקערונג איז שוין אויך פאר דער מלחמה ניט געווען קיין פריידיקע, און אויף וויפיל די יוגנט האט נאר געקאנט, האט זי שוין דעמאלט עמיגרירט סיי אין די גרויסע שטעט, סיי מעבר לים. די נייע עקאנאמישע פארהעלטנישן פון דער נאך־רעוואלוציע־צייט האבן נאך ניט אין ערך מער פארשארפט דעם קריזיס אין שטעטל. דער פּריוואטער האנדל, פון וועלכן די יידישע באפעלקערונג האט על פּי רוב געלעבט, גייט אונטער, זיין אָרט פארנעמט די קאָאָפּעראַציע און דער מלוכה־האנדל, די מעגליכקייטן פאר מלאכה און אינדוסטריע זיינען באשיידענע. באזונדערס שארף ליידט דערפון די יידישע יוגנט, וואס האט זיך ניט צו וואָס צו נעמען. די יידישע עפנטליכקייט אין רוסלאנד באשעפטיקט זיך די לעצטע יארן מיט דער פראגע: ווי געזונט צו מאכן דאס שטעטל. א חוץ דער קאלאניזיר־ארבעט זיינען געמאכט געווארן א רייע פּרוּוון אריינצוציען די יידישע יוגנט אין דער גרויס־אינדוסטריע, בא שווארץ־ און בוי־ארבעט א. א. וו. עס לאזט זיך נאך ניט זאגן, וואס פארא מעגליכקייטן עפענען זיך דא פאר דער יידישער ארבעטלאזער יוגנט. די דערפארונגען, וואס ווערן דערביי געמאכט, זיינען אויף אלע אופנים זעהר וויכטיק און אינטערעסאנט.

א בילד פון דער עקאנאמישער לאגע אין א טיפּיש יידיש שטעטל געפינען מיר אין „עמעס“ פון 11־טן אויגוסט 1929:

„די 2240 יידן, וואס זיינען פאראן אין רודניע — בא 500 יידישע פאמיליעס — באטרעפן 62 פּראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג. אמאל איז רודניע געווען א הענדלער־שטעטל. מ׳האט געהאנדלט איבערהויפּט מיט ליין און ברויט.... איצט האבן 250 יידישע משפחות — א העלפט פון דער יידישער באפעלקערונג — קיין שום באשעפטיקונגען ניט.

ווי לעבן די דאזיקע פאמיליעס?

אייניקע באקומען חודשליך עטליכע רובל פון קינדער, וואס ארבעטן ערגעץ ווו, אנדערע פארקויפן א גלאז טיי דעם פויער, וואס קומט אין שטאט אריין, זעלטן ווו דערלויבט מען אים אויך אויסטרינקען א פלאש בראָנפן, וואס ער ברייגנט פון צענטרספּירט, און דערביי פארדינט מען א פּאָר קאָפּיקעס, פאראן אזעלכע, וואס לעבן פון א געבעקל ברויט: מ׳לייט אין דער געווערב־קאָאָפּעראַטיווער קרעדיט־געזעלשאפט א פינפערל, מ׳קויפט א פוד מעל, וואס מ׳קאָן דא אויפן פרייען מארק קריגן, וויפל מ׳וויל, און מ׳באַקט דאס אויס

א פּאָר צענדליק פאמיליעס לעבן פון דעם, וואס זייערע הייזער ברייגנען זיי אריין. קיין מויערן זיינען אפילו ניטא, קיין טויזנטער רובל הכנסה ברייגנען זיי ניט, נאר 20—15 רובל א חודש באקומט מען אמאל דירה־געלט...

די איבעריקע 250 פאמיליעס באשטייען פון קוסטארן, ארבעטער, אנגעשטעלטע, פויערים און א הייפעלע קרעמער.

צווישן די 126 קוסטארן, וואס געפינען זיך אין רודניע, זיינען דא אייניקע נאגיץ פעסטע. די מערהייט — מיטעלע, וועלכע לעבן זיך דורך מיט א געמאטערטן ביודזשעט, און א טייל, וואס גייען אום ליידיק. פון א הונדערט מיטגלידער פון פאראיינען, ארבעטער און אנגעשטעלטע, זיינען דא 55 ארבעטלאזע.

קרעמער, וואס שטייען אויפן מארק מיט שטעלן און ביידלעך — קיין איין איינגעאָרדנעטע פּריוואטע קראָם, וואס זאל זיך געפינען אין א געהעריקער געביידע איז ניטא — איז פאראן 20...

א 20 משפּחות פארנעמען זיך מיט ערד־ארבעט אין קאלעקטיוון און ווערן געשטיצט דורך די ראטן־ארגאנען.

# פּראָדוקציע און אָפּזאַץ אין דער שווייצער מעבל־אינדוסטריע

אין גאנץ שווייץ זיינען בערך 30.000 פּערזאָן באשעפטיקט אין דער האלץ־באארבעטונג־בראנזשע, בא א באפעלקערונג פון קנאפּע פיר מיליאָן נפשות. אין פּוילן, וועלכע פארמאגט א זיבן מאל גרעסערע באפעלקערונג, האט מען אין יאר 1921 געציילט סך־הכל 56.000 באשעפטיקטע אין דער האלץ־אינדוסטריע, אלזא, קוים צוויי מאל אזוי פיל. דער נאכפראגע נאך מעבל איז, נאטירליך, אין אזא רייך לאנד, ווי שווייץ, גאר ניט אין אן ערך גרעסער, ווי אין אזא פאראָרימטן לאנד ווי פּוילן. אויף אלע אופנים באווייזט דער פארגלייך, אז א פארבעסערונג פון די עקאנאמישע פארהעלטענישן אין מזרח־אייראָפּע מוז זיך בלי ספק זעהר גינסטיק אָפּרופן אויף דער אנטוויקלונג פון דער דאָרטיקער מעבל־אינדוסטריע.

מען געפינט אין דער שווייצער מעבל־אינדוסטריע גלייכצייטיק פארטראטן די פארשיידנסטע אונטערנעמונגען: גרויסע פאבריקן מיט דריי און פיר הונדערט ארבעטער, זעלבשטענדיקע מיטעלע און קליינע בעלי־מלאכות, און כאלופּניקעס, וואס ארבעטן פאר מעבל־מאגאזינען. כמעט צוויי דריטל באשעפטיקטע ארבעטן אין קליינע אונטערנעמונגען מיט ביז 10 ארבעטער; א גרויסער טייל — בערך 4000 — באשעפטיקן איבערהויפּט ניט קיין לוין־ארבעטער; פאבריקן מיט איבער צוויי הונדערט ארבעטער זיינען פאראן בלויז צוויי: איינע באשעפטיקט 300, די אנדערע 350 ארבעטער.

### פּראָדוקציע פארן באשטעלער און פארן מארק

דירעקט פארן באשטעלער ארבעטן צום טייל די קליינע בעלי־מלאכות און דער עיקר די קונסט־מעבל־פאבריקן, וואס ארבעטן אויס מעבל לויט די אינדיווידועלע ווינטשן פון די קונדן, נעמען איבער די מעבלירונג און די אינוויינקסטע איינריכטונג פון גאנצע צימערן און וואוינונגען. די קונסט־מעבל־פאבריקן קאנצענטרירן זיך הויפּטזאכליך אין די גרעסערע שטעט, ווו זיי געפינען פאר זייערע טייערע פּראָדוקטן סיי די קונדן, סיי די נויטיקע קוואליפיצירטע ארבעטער. אין די קליינע שטעטלעך און דערפער געפינט מען זעלטן א גוט קוואליפיצירטן ארבעטער. די מאָדע צו באשטעלן ספּעציעלע מעבל האט זיך די לעצטע צייט זעהר שטארק פארשפּרייט. אייניקע גרעסערע קונסט־מעבל־פאבריקן, וואס ארבעטן אויסשליסליך אויף באשטעלונג, האבן אפנעמער ניט נאר אין דער איינענער שטאט, נאר אין גאנץ שווייץ (באַזונדערס די האָטעל־מעבל־פאבריקן) און אפילו אין אויסלאנד.

פארן מארק, ריכטיקער פארן הענדלער, ארבעטן הויפּטזאכליך די גרויסע מעבל־פאבריקן און די כאלופּניקעס. קליינע בעלי־מלאכות מיט 1 ביז 5 ארבעטער ארבעטן פארן סוחר נאר דעמאלט, ווען עס פעלט זיי אויס פּריוואטע באשטעלונגען. דער פּראָדוקציע־פּלאַן ווערט אין דעם פאל באשטימט ניט דורכן אפּזאַץ — אפּזאַץ־געביט איז די גאנצע שווייץ —

אבער די לאגע איז שווער. אויסער יענע 250 משפחות, וואס האבן גארנישט, שטעלט זיך די פראגע וועגן די צוויי הויפט־ארטעלן: פון שוסטער און לעדער־ארבעטער, וועלכע באקומען ניט קיין רוויווארג פאר זייער ארבעט, ווייל דאס איז דעפיציטע סחורה".

די לאגע פון דער דעקלאסירטער יידישער באפעלקערונג איז נאך ערגער דערמיט, וואס זי האט אויך ווייניק מעגליכקייט געהאט אריינגעצויגן ווערן אין פראדוקטיווע ארבעטן סיי אין דארף סיי אין שטאט. מ׳מוז ליידער פעסטשטעלן, אז די צאל יידישע הענדלער און דעקלאסירטע, וועלכע זיינען אריבערגעגאנגען אויף ערד־ארבעט, איז לפי ערך זעהר קליין. פון די 472 איבערוואנדערער אין בירעפעלדער ראיאן (בירא־בידזשאַן) זיינען געווען: הענדלער 10 און אומבאַשטימטע פראָפעסיעס 122, צוזאמען אלזא 28 פראָצענט. די איבעריקע זיינען באַשטאַנען פון אַרבעטער – 16 פראָצענט, אנגעשטעלטע — 10, קוסטארן — 38, פויערים – 7 פראָצענט.

עס וואלט געווען א טעות צו גלויבן, אז בירא־בידזשאן איז אין דעם פרט אן אויסנאם. אין אוקראינע און ווייסרוסלאנד איז די לאגע ניט בעסער. (זע „עמעס" פון 23־טן יולי 1929). עס לאזן זיך שווער פעסטשטעלן די סבות דערפון, צום טייל, ווייזט אויס, פילן זיך די הענדלער ווייניק צוגעפאַסט צו שווערער לאנדווירטשאפטליכער ארבעט, פון דער אנדער זייט באמיען זיך צוליב דעם זעלביקן טעם די ארטיקע ארגאנען אריינציען צו דער ערד־ארבעט וואס מער בעלי־מלאכות און ערד־ארבעטער. אזוי, למשל, לייענען מיר אין א קארעספאָנדענץ פון פאָלטאַוועד קרייז אין „עמעס" פון 11־טן יולי 1929 אונטערן טיטל: „מיר קלייבן אָפּ די בעסטע":

„און באמת, די ראַיאָנען האבן זיך באַצויגן צום אָפּקלייבן פון די איבערוואנדערער מיט דער גאנצער ערנסטקייט און פארזיכטיקייט, דורכגעטאַפּט יעדן איינעם צען מאָל, איידער מ׳האט אים געגעבן דעם אָרדער.

„דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון פאַראַיאָריקן אָפּקלייב אין אונזער קרייז איז געווען: 43 פראָצענט בעלי־מלאכות און פורמאנעס, 25 פראָצענט ערד־ארבעטער, 7 פראָצענט ארבעטער, 6 פראָצענט הענדלער און די איבעריקע – אנגעשטעלטע. די געבראכטע ציפערן באווייזן, אז 75 פראָצענט פון דער גאנצער צאל איבערוואנדערער פארן פאריקן יאר זיינען האָרעפּאַשניקעס, ארבעטנדיקע. זיי האבן פעסטער פון אנדערע זיך איינגעפונדעוועט אויף דער ערד־ארבעט".

עס איז געוויס נאטירליך, וואס מ׳קלייבט אָפּ פאר ערד־ארבעט גראד די פּאַסיקסטע עלעמענטן. עס פרעגט זיך אָבער, וואס זאל סוף כל סוף ווערן מיט דער גרויסער צאל הענדלער און דעקלאסירטע, וואס האבן זיך ניט ווו אהינצוטאן?

די ארבעט אויפן געביט געזונט צו מאכן דאס שטעטל איז ביז אהער געגאנגען הויפטזאכליך אין דער ריכטונג פון ערד־איינארדענונג און אנטוויקלען די קוסטאר־אינדוסטריע. דאס איינארדענען די יידישע באפעלקערונג בא מלאכה שטויסט זיך אָן אויף א רייע מניעות, דער עיקר צוליב דוחק אין רוישטאף און קרעדיט. עס ווייזט זיך אבער ארויס, אז ס׳זיינען אויך דאָ שוועריקייטן באם פארקויפן די סחורה. אזוי שרייבט דער „אָקטיאַבר" (27־טן יולי): „די מינסקער זאקן־מאכער־ארטעל לעבט איצט איבער א קריזיס אין וווקס".

„אין ארטעל האבן זיך ארייגעגאסן 60 מאן פון ארטעל „מאָלאָדיאָזש" און 25 מאַן פון ארטעל „קאָמונע פראָוואָדניק", נאר די באַזאָרגונג מיט רוישטאף האט זיך ניט פארגרעסערט. מ׳ארבעט בלויז 3—4 טעג אין וואך און דאס איז אין סעזאָן־צייט. די ארטעל האט ניט אויסגעצאלט אירע מיטגלידער בא היינטיקן טאג כמעט פאר צוויי חדשים ארבעט־לוין. שלעכט איז, וואס די ארטעל איז צעווארפן איבערן גאנצן שטאט, אין 8 דירות, און דער פארוואלטונג איז אוממעגליך צו לייגן די געהעריקע אויפמערקזאמקייט אויף דער ארבעט. דער האנדל־אפטייל פון „בעלקאָאָפּסאָיוז" אנטזאגט זיך צו רעאַליזירן די אויסגעסארטירטע סחורה".

אין „שטערן" פון 31־טן יולי לייענען מיר: „די הויפט־שטערונג אין דער קוסטארישער פּראָדוקציע איז – מאנגל אין רוישטאף, קרעדיט און די „אָנלאָדונג" (דאס איז דער צוואנג־אַסאָרטימענט). די אָרטיקע געווערב־קאָאָפּעראַציע צווינגט די מיטגלידער פון די ארטעלן קויפן ניט גאנגבארע, סעזאנע סחורות, אפט אויף גאנץ באדייטנדיקע

נאר דורך די לוין־פארהעלטענישן און צום טייל, באזונדערס בא די ביליקערע מעבל־סארטן, דורך דער מעגליכקייט צו באקומען ביליק האלץ. די גרעסערע פאבריקן זיינען דעריבער קאנצענטרירט הויפטזאכליך אין די ראַיאָנען, ווו די ארבעטס־קראפט איז ביליקער, אלזא, אין די קלענערע שטעט אין די פאבריקן, וואס ארבעטן אויס מעבל פון ווייכע האלץ־סארטן (יעלאווע האלץ), ניט ווייט פון די נאדל־האלץ־וועלדער (בעסערע האלץ־סארטן ברייגגט מען פון אויסלאנד).

## ספעציאליזירונג

די מעבל־אינדוסטריע איז היינט צו טאג זעהר שטארק ספעציאליזירט. אזוי, למשל, האבן מיר פאבריקן, וואס פאבריצירן אויסשליסליך געזעגטע שטולן, אנדערע פאבריצירן נאר געבויגענע, א דריטע גרופע פאבריצירט געשטעלן פאר ווייכע שטולן. די שטולן־אינדוסטריע ליגט אין די הענט פון גרויסע אונטערנעמונגען, ווא פאדערט זיך אסך קאפיטאל און מאשינעס.

א ווייטערער ספעציעלער געביט פון דער מעבל־אינדוסטריע איז די פאַבריקאַציע פון בוראָ־מעבל. אויך דאָ מוזן אריינגעלייגט ווערן גרויסע קאַפּיטאלן. בורא־מעבל פלעגט מען פריער אימפארטירן פון אויסלאנד, ערשט אין יאר 1902 האט זיך אין שווייץ געגרינדעט די ערשטע פאבריק פון בורא־מעבל. א באזונדער צווייג איז, ווייטער, די פאבריקאציע פון שלאפצימער־מעבל (באזונדערס פאר האטעלן) און בופעטן. וואס איז שייך די איבעריקע שטוב־מעבל, מוז מען פאנאנדערטיילן צווישן פאבריקן, וואס פאבריצירן מעבל פון הארטע האלץ־סארטן (דעמב וכדומה) און פאבריקן, וואס באארבעטן ווייכע האלץ (יעלאווע). ניט ספעציאַליזירט זיינען די קונסט־מעבל־פאבריקן, מחמת זיי קומט על פי רוב אויס מעבלירן און אויסבויען די אינעווייניקסטע איינריכטונגען פון גאנצע דירות אדער אפילו בנינים, דערביי מוזן אלע איינצלנע טיילן זיין אויסגעהאלטן אין א באַשטימטן סטיל.

די ספעציאַליזירונג האט אבער אויך געוויסע חסרונות. אין צייטן פון קריזיסן איז די ריזיקע צו גרויס. דארט, ווו עס ווערן געארבעט פארשיידענע מינים מעבל, איז דאָ אַ געוויסער אויסגלייך. באזונדערס אוממעגליך איז די ספעציאליזירונג בא בעלי־מלאכות, וואס ארבעטן אויף באשטעלונג. דער לאקאַלער מארק איז צו קליין און דא טרעפט אפט מאל אפילו, אז דער איינצלנער בעל־מלאכה באשעפטיקט זיך גלייכצייטיק מיט בוי־ און מעבל־סטאלעריי.

## איינקויף פון רוי־ווארג

דאס פארהעלטעניש צווישן די הוצאות אויף ארבעטס־לוין און דעם וויכטיקסטן רוי־מאַטעריאל – האלץ איז בא די פארשיידענע מעבל־סארטן פארשיידן. בא די ביליקערע יעלאווע מעבל מאכן די הוצאות אויף האלץ אויס בערך צוויי דריטל פונם פרייז, בא קונסט־מעבל אבער העכסטנס 40 פראָצענט. בא יעלאווע מעבל שפילט דעריבער דער ביליקער איינקויף פון האלץ זעהר א וויכטיקע ראלע. די גרויסע פאבריקאנטן געפינען זיך דא נאַטירליך אין א גינסטיקערער לאגע. עס קומט נאך צו, וואס האלץ מוז

# פונם לעבן פון פאַרבאַנד

## רעזאָלוציעס פון דער דריטער סעסיע פון צנעטראַל-ראַט

### ווילנער קרעדיט-באַנק

אויף איינער פון די זיצונגען פון צענטראַל-ראַט, ווו ס'זיינען באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם עקאָנאָמישן מצב פון די יידן אין פוילן און ספּעציעל די פראַגע וועגן שאַפן אין פוילן אַ צענטראַלן פינאַנציעלן אינסטיטוט, — איז פון דעם ראַט-מיטגליד ב. כ ה ן אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועגן דער קרעדיט-געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן מלאכה און ערד-אַרבעט צווישן יידן, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין ווילנע אונטער זיין מיטווירקונג.

נאָך די דעבאַטן איבער דער דאָזיקער פראַגע איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע אין פאָלגנדיקער רעדאַקציע:

דער צענטראַל-ראַט דריקט אויס זיין ווונש, אַז די צענטראַל-פאַרוואַלטונג זאָל אין הסכם מיטן צ. ק. פון „אָרט" אין פוילן אַרויסגעבן דער קרעדיט-געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן מלאכה און ערד-אַרבעט אין ווילנע 5.000 דאָלאַר בתורת הלואה פון די סומען, וואָס זיינען באַשטימט אויף אינדוסטריאַליזירונגס-קרעדיטן פאַר פוילן אויפן יאָר 1929/1930.

די באַדינגונגען דאַרפן אויסגעאַרבעט ווערן פון עקזעקוטיווע און ווערן באַשטעטיקט פון דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג.

דער צענטראַל-ראַט דריקט אויס זיין ווונש, אַז אין דעם מאָמענט, ווען דער פּלאַן פון אַ גרויסן פינאַנץ-אינסטיטוט פאַר מלאכה און לאַנדווירטשאַפט וועט פאַרווירקליכט ווערן, זאָל די ווילנער קרעדיט-געזעלשאַפט זיך אין אים אַריינגיסן.

### פּראָדוקטיוויזירונגס-אַרבעט אין די שטעט

אויסגעהערט די באַריכטן וועגן דער לאַגע פון די יידן אין מזרח-אייראָפּע און וועגן דער טעטיקייט פון „אָרט" אין די באַטרעפנדיקע לענדער, קאָנסטאַטירט דער צענטראַל-ראַט, אַז דער דעקלאַסירונגס-פּראָצעס פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס אַנטוויקלט זיך כסדר אונטערן דרוק פון עקאָנאָמישע געזעצן און פּאָליטישע טענדענצן, פאָדערט פון דעם פאַרבאַנד „אָרט", אַז ניט אָפּשוואַכנדיק זיין טעטיקייט אויפן געביט פון פאַרשטאַרקן די יידישע לאַנדווירטשאַפט, זאָל ער אָננעמען אַ גוט דורכגעטראַכטע סיסטעם פון ווירטשאַפטליכע מאָסנאַמען מיטן צוועק צו באַפעסטיקן די אַרבעטס-פּאָזיציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט און צו שאַפן נייע אַרבעטס-מעגליכקייטן פאַר די דעקלאַסירטע יידישע מאַסן. צו דעם צוועק מוזן קודם כל דורכגעפירט ווערן גרינטליכע אויספאָרשונגען פון דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון די עלעמענטן, וואָס קאָנען אַריינגעצויגן ווערן אין דער אינדוסטריע און פון די אינדוסטריאַליזירונגס-מעגליכקייטן אין יעדן לאַנד באַזונדער.

בנוגע די קאָנקרעטע פאָרשלאָגן פאַר דעם לויפנדיקן יאָר, וואָס זיינען אַריינגעקומען פון די איינצלנע לענדער, נעמט אָן דער צענטראַל-ראַט פאָלגנדיקע באַשלוסן:

1) עס דאַרף געלייגט ווערן די גרעסטע אַכט אויף דער מעכאַניזירונג פון דער קליין-אינדוסטריע און האַנטווערקעריי. צוליב דעם דאָזיקן צוועק דאַרף די „איינקויף-געזעלשאַפט" פאַרשטאַרקן איר טעטיקייט אין די לענדער פון מזרח-אייראָפּע אין דער ריכטונג פון פאַרשפּרייטן מאָדערנע מאַשינעס און געצייג און שאַפן קרעדיט-באַדינגונגען, וואָס זאָלן זיין צוגענגליך פאַר די ברייטע קרייזן פון האַנטווערקערטום און קליין-אינדוסטריעלע.

2) אין די פּונקטן, ווו ס'זיינען קאָנצענטרירט גרעסערע מאַסן פון יידישע האַנטווערקער און אַרבעטער, דאַרפן געגרינדעט ווערן טעכנישע באַראַטונג-ביוראָס, כדי צו באַקאָנען די פּראָדוצירער מיט די מאָדערנע אַרבעטס-מעטאָדן און די נייעסטע מאַשינעס. בײַ די ביוראָס דאַרף געשאַפן ווערן אַן אינסטרוקטאָריאַט פאַר די מער אָפּגעשטאַנענע צווייגן פון האַנטווערקעריי.

3) גלייכצייטיק דערמיט דאַרפן געשאַפן ווערן אַנשטאַלטן אויף צוצוגרייטן קוואַליפיצירטע אַרבעטער פאַר באַשטימטע צווייגן פון דער גרויס-אינדוסטריע, אין וועלכע ס'איז פאַראַן אַ נאָכפראַגע אויף קוואַליפיצירטער אַרבעטס-קראַפט. די געהעריקע אינדוסטריע-צווייגן ווערן פון פאַל צו פאַל באַשטימט, אָפּהענגיק פון דער קאָניונקטור אין געגעבענעם מאָמענט און געגעבענעם אָרט.

4) אין איינצלנע פּונקטן קאָנען געגרינדעט ווערן נייע אינדוסטריע-אונטערנעמונגען, וועלכע זאָלן זיך שטיצן אויף די פאַראַנענע קוואַלן פון רוי-שטאָף, אויב אויף אַזעלכע אונטערנעמונגען וועלן זיך געפינען ספּעציעלע געלט-מיטלען און אויב פאַר די אויסאַרבעטונגען וועט זיין געזיכערט אַן אָפּזאַץ-מאַרק.

5) די פראַגע וועגן דער צוועקמעסיקייט צו גרינדן אַרבעטס-אַרטעלן, ווי אויך בויען שותפותדיקע לאָקאַלן, אַלס מעכאַנישע וואַרשטאַטן, ווערט איבערגעגעבן צו באַטראַכטונג די אָרטיקע צענטראַלעס.

6) דער צענטראַל-ראַט באַשטימט, אַז בײַ דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג דאַרף געבילדעט ווערן אַ קאָמיסיע פון פאַכמענער, וואָס זאָלן אויספאָרשן די מאָדערנע אַרבעטס-צווייגן און אַרבעטס-מעטאָדן און אויפקלערן, אויף וויפיל זיי קאָנען אָנגעווענדעט ווערן אין די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די לענדער אין מזרח-אייראָפּע.

### וואַלן פון נייע מיטגלידער אין צענטראַל-ראַט

די סעסיע האָט באַשלאָסן אויסצוויילן אין ראַט די ה"ה ל. בודין, פּויל וואַרבורג, ב. וולאַדעק און האַרוואַרד קאַלמאַן.

### טעטיקייט פון לאַנדסמאַנשאַפט-דעפּאַרטאַמענט באַם אַמעריקאַנער „אָרט"

ווי מיר האָבן שוין מיטגעטיילט אין נומען 7 „אָרט-ידיעות", איז דעם 26-טן יוני אין ניו-יאָרק אויף אַ געמיינזאַמער קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון דער פעדעראַציע פון אוקראַינער יידן, פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן און אַמעריקאַנער „אָרט"-עקזעקוטיווע געגרינדעט געוואָרן דער לאַנדסמאַנשאַפט-דעפּאַרטאַמענט באַם אַמעריקאַנער „אָרט". ניט געקוקט אויף די זומער-חדשים, ווען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבן אין אַלגעמיין ווערט אָפּגעשוואַכט, האָט דאָך דער לאַנדסמאַנשאַפט-דעפּאַרטאַמענט אַנטוויקלט פאַר דער צייט אַ גאַנץ לעבהאַפטע טעטיקייט. פון טאָג צו טאָג ווערן אין דער אַרבעט אַריינגעצויגן אַלץ נייע לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס שטעלן זיך די אויפגאַבע צו שאַפן קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר זייערע אַלטע היימען. לויט זייערע פאָרשלאָגן, ווערן דורך „אָרט" אין רוסלאַנד, פּוילן א. אַנד. לענדער אויסגעאַרבעט קאָנקרעטע פּלענער וועגן אָרגאַ-

ניזירן ארטעלן, ווארשטאטן אין די שטעט און שטעלעך, די לאנדסמאנשאפטן זאמלען די נויטיקע מיטלען אויף צו פארווירקליכן אט די פלענער, וואס ווערן דערנאך דורכגעפירט דורך די „ארט“-ארגאניזאציעס אין די דערמאנטע לענדער.

**יעליסאוועטגראדער** לאנדסמאנשאפט, וואס האט באשלאסן צו שאפן א פאָנד פון 10,000 דאלאר, האט שוין א טייל פון דעם סכום געזאמלט. די ערשטע סומעס האט מען בדעה צו פארווענדן אויף א ווארשטאט פאר מאכן זייגערס און אויף א מעבל-פאבריק. די



יידישע פויערים אויף ליאדעס אין ראַיאָן פון „אָרט“-טעטיקייט אין ווייסרוסלאַנד.

לאנדסמאנשאפט האט ארגאניזירט א קאמיטעט אויף מיטצוהעלפן „ארט“.

**שטשעדרינער** לאנדסמאנשאפט האט אסיגנירט 1320 דאלאר אויף צו קויפן א טראקטאָר און אנדערע מאשינעס פאר די שטשעדרינער ערד-ארבעטער.

**באָברויסקער** לאנדסמאנשאפט האט אסיגנירט 2,300 דאלאר אויף ארגאניזירן א וועבער-ארטעל. דער ווארשטאט איז שוין געשאפן געווארן דורך דער מיטהילף פון „ארט“.

**פראָסקוראָווער** לאנדסמאנשאפט האט באשלאסן צו ארגאניזירן א קאמיטעט אויף מיטהעלפן „ארט“ און זאמלען יערליך 3000 דאלאר אויף קאנסטרוקטיווער הילף.

**סמילער** לאנדסמאנשאפט, וואס באשטייט פון אָרגאניזאציעס אין ניויארק, פילאדעלפיע, באַלטימאָר און באָסטאָן, האט באשלאסן צו זאמלען 25,000 דאלאר. אין ניו-יארק איז שוין געזאמלט געווארן 1000 דאלאר מזומן און 2000 דאלאר געצייכנט.

**בעלאצערקווער** לאנדסמאנשאפט האט באשלאסן צו זאמלען 3,500 דאלאר.

**לאָדזשער** לאנדסמאנשאפט , וואס פאראייניקט 5 ארגאניזאציעס, האט באשלאסן צו ארגאניזירן א קאמיטעט אויף מיטצוהעלפן „ארט“ און האט געזאמלט 5,000 דאלאר.

**וולאָצלאַווקער** לאנדסמאנשאפט האט אנגענומען דעם קאנסטרוקטיוון פלאן, וואס דער צ. ק. פון פוילישן „ארט“ האט איר פאָרגעלייגט, און האט באשלאסן האיאר אין הארבסט צוטרעטן צו געלט-זאמלונגען אויף צו ארגאניזירן אין וולאצלאוועק א סטאליער-ווארשטאט און אויך א ווארשטאט פאר פלעכטן קאָרזינעס.

דער לאנדסמאנשאפט-דעפארטאמענט שטייט אין פארהאנדלונגען מיט נאך א גאנצער רייע לאנדסמאנשאפטן — **ברוסילאווער** (2 ארגאניזאציעס אין ניו-יארק און אין טשיקאגאָ), **אומאנער**, **בעלאסטאקער**, **זלאַטאָפאָלער**, **נאווגאראד-וואלינסקער**, **ניקאלאיעווער** א. אנד.

עס באקומען זיך אין דעפאַרטאַמענט שריפטליכע ווענדונגען וועגן קאנסטרוקטיווער ארבעט אין די אלטע היימען פון פארשיידענע לאנדסמאנשאפטן אין פילאדעלפיע, פיטסבורג, קליוולאנד, דעטראָיט, טשיקאַגאָ. אין סעפטעמבער פארט ארויס דער פארוואלטער פון דעפארטאמענט ה' ג. **זיבערט** און אייניקע אנדערע אנפירער אין די וויכטיקע פונקטן פון דער פראָווינץ, כדי צוציען די דארטיקע לאנדסמאנשאפטן צו דער ארבעט.

דער לאנדסמאנשאפט-דעפארטאמענט ארבעט אין איינגען קאנטאקט מיט דער אלגעמיינער „ארט“-קאמפיין און, הויפטזאכליך, מיט דער פאלקס-געצייג-קאמפיין.

## «ביולעטען פאָלקס-געצייג-קאַמפיין»

די עקזעקוטיווע פון „**פאלקס-געצייג-קאמפיין**“ האט אנגעהויבן ארויסגעבן אן אפיציעלן ביולעטען. אין ערשטן נומער פון יולי ד. י. זיינען דא חוץ אויספירליכע דאטן וועגן דער טעטיקייט פון דער פאלקס-געצייג-קאמפיין א רייע קלענערע ארטיקלען און נאטיצן פון די אנפירער פון דער קאמפיין — ב. **וולאדעק**, י. **באסקין**, נ. **כאנין** און מ. ל. **פאלין**.

# א נוצליכער אויפטו

## אָרגאַניזירונג פון מאַשינעס־רעמאָנט און איינשאַפונג פון רעזערוו־טיילן צו מאַשינעס

כידוע, האבן זיך בא די בעלי־מלאכות אין די לענדער פון מזרח־אייראפע די מאשינעס און ארבעטס־מכשירים פאר די לעצטע 10—15 יאר שטארק אָפּגענוצט. באזונדערס שלעכט איז אין דער הינזיכט די לאגע אין רוסלאנד, ווו עס איז זעהר שווער צו באקומען רעזערוו־טיילן צו מאשינעס: בא די מלוכה־ארגאנען זיינען זיי ניט בנמצא און אויפן פריוואטן מארק קאסטן זיי, ניט געקוקט אויף דער שלעכטער קוואליטעט, אזוי טייער, אז דער יידישער בעל־מלאכה האט קיין מעגליכקייט ניט זיי איינצושאפן. אין די קליינע שטעטלעך קומט נאך צו נאך א פלאָג: ס'איז ניטא ווו צו רעמאנטירן די געשעדיקטע מאשינעס.

די פאָרשטייערשאַפט פון „אָרט“־פאַרבאַנד אין פ.ס.ס.ר. האָט אויף זיך דעריבער גענומען צו אָרגאניזירן דעם רעמאנט פון די אָפּגענוצטע מאשינעס פאר די יידישע בעלי־מלאכות אין רוסלאנד. צוליב דעם ווערן אין פארשיידענע פונקטן געמאכט אויספאָרשונגען, וואס פאר א מין רעמאנט איז אין געגעבענעם פונקט נויטיק, אז ס'וועט אהין געשיקט א ספעציעלער מעכאניק, וואס פירט די רעמאנטן דורך. די נויטיקע רעזערוו־טיילן צו די מאשינעס זאלן אויסגעשריבן ווערן פון אויסלאנד.

צוערשט האט די פארשטייערשאפט פון צ. פ. בדעה אויסצופארשן 19 שטעטלעך (8 אין ווייסרוסלאנד און 11 — אין רעכטברעגיקער אוקראינע), וואס זיינען שוין פארבונדן מיט „ארט“ דורך די אָפּעראציעס צו באַזאָרגן מיט מאשינעס סיי קאָאָפּעראַטיוון, סיי יחידים (קרובים־אקציע). כדי צו כאראקטעריזירן די לאגע אין דער הינזיכט אין אט די שטעטלעך וועלן מיר ברייננען א פאר ציטאטן פונם באריכט פון ספעציעלן אינסטרוקטאר וועגן זיין באזוך אין די שטעטלעך ט ש ע ר נ א ב י ל און ה א ר נ א ס ט א י פ א ל, קיעווער קרייז:

„...אין טשערנאביל זיינען פון די אויסגעפארשטע 76 מאשינעס 16 – אין ארדענונג, 7 — פאדערן א לייכטן רעמאנט, 14 – א מיטעלן רעמאנט און 39 — א ג ר י נ ט ל י כ ן. אין הארנאסטאיפאל איז פון 25 אויסגעפארשט מאשינעס נויטיקן זיך 22 אין א גרינטליכן רעמאנט.

„באזונדערס דארף אויסגעטיילט ווערן די פראגע וועגן די זאקן־מאשינעס. דער גרעסטער טייל זייערער זיינען איינגעשאפט געווארן מיט א יאר – צוויי צוריק, און דאך האט מען זיי שוין ניט איינמאל געפירט קיין קיעוו צו רעגולירן און רעמאנטירן. דאס דערקלערט זיך דערמיט, וואס אין טשערנאביל געפינט זיך קיין איין מענש ניט, וואס זאל פילווייניק פארשטיין אין א זאקן־מאשין, און דעריבער קומט אויס בא יעדער קלייניקייט ווענדן זיך אין קיעוו. א דאנק דער פרימיטיווקייט פון די מאשינעס, ווערן זיי אפט געשעדיקט, און דער רעמאנט קאסט דעם קוסטאר זעהר טייער“.

בא די תנאים איז נאטירליך, אז די רעמאנט־אפעראציע, וואס „ארט“ נעמט אונטער, האט געפונען צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין רוסלאנד דעם לעבהאפטסטן אָפּקלאנג. ניט געקוקט אויף דער געדריקטער לאגע, זיינען דאס רוב קוסטארן גרייט צו דעקן די קאסטן פון רעמאנט און פון די רעזערוו־טיילן צו די מאשינעס.

אויפן סדר־היום שטייט אצונד די פראגע וועגן ארגאניזירן אין קיעוו 2—3 חדשימדיקע קורסן אויף צוגרייטן פון די מער אנטוויקלטע זאקן־מאכער א קאנטינגענט אינסטרוקטארן, וואס זאלן אויסלערנען די מלאכה די יידישע זאקן־מאכער אויף די ערטער און זאלן קאנען דורכפירן א גרינגערן רעמאנט און רעגולירן די מאשין. ווי באַוווסט, זיינען באשעפטיקט אצונד אין דער זאקן־ און טריקאטאזשן־פראדוקציע אין רוסלאנד ארום 10.000 יידן.

# אַ כאַראַקטעריסטיש בילד פון אַ יידיש שטעטל אין פוילן

(לויטן באריכט פון „ארט“־אגראנאם)

„...אין לאכאָוויטש האב איך פארבראכט 3 טעג, באקאנט זיך געניי מיט אלעס. אין שטעטל געפינען זיך א 30 גערטנער, וועלכע באארבעטן צו 2, 3, 4 העקטאר ערד, זייען אוגערקעס, בוריקעס און קרויט. א טייל אוגערקעס פארקויפן זיי זיסערהייט, די גרעסטע טייל זאלצן זיי. די באארבעטונג איז בא זיי זעהר א פרימיטיווע. די ערד האלטן זיי אין ארענדע בא פויערים. די ארענדע איז נישט קיין טייערע. די גערטנער לעבן צווישן זיך נישט פריינטליך, דאך געפין איך איין, אז מ'וועט קאנען גרינדן א קאָאָפּעראַטיוו, פארגרעסערן די גערטנעריי, צוציען נאך איניקע, וועלכע זאלן זיך דערמיט פארנעמען.

וואס אנבאלאנגט דעם צושטאנד פון שטעטל, געפינט עס זיך אין זעהר א טרויעריקער לאגע. אין רעכטן צענטער אויפן מארק זעט איר שוין א גרויסע צאל קראמען, איננאנצן פארמאכטע. אויף איניקע קראמען געפינען זיך אויף די טירן אָנגעקלעפטע צעטלעך פון עקזעקוטאר, אז אין דעם און דעם טאג וועט פארקויפט ווערן די סחורות פאר נישט איינצאָלן די פּאָדאַטקעס. איר באַגעגנט מענשן אויף די גאסן און אויפן מארק, וועלכע דרייען זיך ארום און האבן נישט וואס צו טאן. דאס זיינען מענשן, וואס זיינען פריער געווען קרעמער, שניידער, שוסטער, קאמאשן־מאכער. עס וואקסט א גרויסע יוגנט און האט אויך ניט מיט וואס זיך צו פארנעמען. די לאגע איז א שרעקליכע“.

„מיר האבן צוזאמען באהאנדלט דעם איצטיקן צושטאנד און געטראכט, וואס וואלט מען געקאנט שאפן, כדי די לאגע זאל זיך פארבעסערן. איניקע האבן זיך ארויסגעזאגט, אז ס'וואלט געווען נויטיק צו גרינדן א באנק, וואס זאל ארויסגעבן לאנגטערמיניקע קרעדיטן. די צווייטע האבן זיך ארויסגעזאגט, אז מ'דארף עפענען א שול, ווו די יוגנט זאל זיך קאנען אויסלערנען א פאך. די דריטע האבן אנגעוויזן, אז מ'וואלט געדארפט שאפן א „סושילניע“ אויף טריקענען פרוכטן, ווייל ארום לאכאָוויטש איז פרוכטן פאראן א סך, און בא דעם וואלטן געקאנט זיין פארנומען א 40–50 מענשן. אין בארא‌נאוויטש און אין קלעצק זיינען פאראן אזוינע „סושילניעס“ און מאכן זעהר גוטע געשעפטן. איך האב אנגעוויזן, אז פילייכט וואלט געווען צוועקמעסיק צו גרינדן קורסן פון טריקאטאזש, ווייל, ערשטנס, איז עס גרינגער צו שאפן, און, צווייטנס, איז די יוגנט אין לאכאָוויטש שוין א דערוואקסענע, אין שול קאנען זיי זיך שוין נישט לערנען קיין פאך. טריקאטאזש וואלטן זיי זיך שנעל אויסגעלערנט צו ארבעטן, און וואלטן אויך געהאט די מעגליכקייט עפעס צו פארדינען.

נאך פיל שמועסן און באהאנדלען די פראגן, זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אז, ערשטנס, דארף מען גרינדן א לאנדווירטשאפטליכן קאָאָפּעראַטיוו און אנווענדן אלע מעגליכקייטן, אז די גערטנער זאלן אנהויבן צו באַארבעטן זייערע גערטענער בעסער, זאלן זיך פארנעמען מיט אינטענסיווע קולטורן, און זען גלייכצייטיק אריינצוציען

ה' עפשטיין האט אָפּגעהאלטן א רייע זיצונגען מיט די פארשטייער פון פארשיידענע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג אין שטעטל.

וואס מער מענשן אין גערטנעריי. ערד צו ארענדירן קריגט מען דא. צווייטנס – אויב עס וועט זיך איינגעבן צו באקומען די געהעריקע מיטלען, זאל מען שאפן אדער קורסן פון טריקאטאזש אדער א „סושילניע“ אויף טריקענען פרוכטן“.

# פון די ווענדונגען צו „אָרט“

די פארשיידענע ווענדונגען צו „ארט“ ווייזן באשיינפערליך, ווי גרויס איז די נויט אין קאנסטרוקטיווער הילף ניט נאר צווישן דער דעקלאסירטער באפעלקערונג, נאר אפילו צווישן די הארעפאשנע מאסן, וואס האבן שוין כלומרשט א באשעפטיקונג.

אט שרייבט, למשל, דער „פראפעסיאנעלער פאראיין פון טראנספארטאוועס אין דער פוילישער רעפובליק“ צו „ארט“ אין ווארשע:

„בא טרעגעריי און פורמאנעריי איז שטענדיק באשעפטיקט געווען די אמשטארקסטן ארימע באפעלקערונג. די מענשן האבן פארדינט גראָשנס און זיך געשפייזט פאר גראָשנס. דער איצטיקער קריזיס, וואס הערשט בא אונז אין לאנד, האט דערפירט דערצו, אז 50 פראצענט פון די טרעגער און פורמאנעס זיינען באם היינטיקן טאג ארבעטלאז, די מענשן שטארבן ממש פון הונגער מיט זייערע פרויען און קליינע קינדער.

אונזער פאראיין האט פילוויניק זיך באמיט לייכטער צו מאכן די שווערע לעבנס=באדינגונגען פון די טרעגער און פורמאן=ארבעטער, מיר האבן זיך באמיט אין „ביוראָ פאר רעכט אויף ארבעט“ באם לאנד=ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, די ארבעטלאזע צו באשעפטיקן בא פארשיידענע עפנטליכע ארבעטן. לײדער אבער, בא דער באָיקאָט=פּאָליטיק, וואס הערשט בא די קאמונאלע און מלוכהשע אונטערנעמונגען, האט זיך איינגעגעבן קוים צו באשעפטיקן אן ערך 20 ארבעטער, דאס איז אבער ווי א טראפן אין ים פון נויט, וואס הערשט צווישן די שוין אויבן דערמאנטע ארבעטער.

די איבעריקע ניט באשעפטיקטע ארבעטלאזע, וואס זייער צאל דערגרייכט ביז 800, ס׳רוב פון זיין פאמיליע=מענשן, מאטערן זיך כסדר און ווענדן זיך נאך הילף צום פאראיין, אנווייזנדיק דערביי, אז זיי וואלטן געהאט די מעגליכקייט פילוויניק צו פארדינען, ווען זיי זאלן האבן האנטוועגעלעך צו דער ארבעט, ווייל אין דער איצטיקער צייט ווערן קלענערע פעקלעך, בא וועלכע מ׳האט ביז איצט באנוצט טרעגער, געטראגן דורך די שיק=יינגלעך אין די געשעפטן. דעם טרעגער רופט מען נאר דאן, ווען ס׳איז דא א גרעסערער פּאַק, וואס צוליב זיין שווערקייט דארף מען אים שוין פירן אויף א ווענעלע.

מיר פון אונזער זייט האבן באטראכט די געשאפענע לאגע און זיינען געקומען צום אויספיר, אז ס׳וואלט מעגליך געווען עפעס צו טאן פאר א געוויסער צאל ארבעטלאזע, ווען מיר זאלן זיי געבן די מעגליכקייט מיט וואס צו ארבעטן, און דערצו איז נויטיק בערך 12.500 גילדן, כדי צו קויפן 50 האנטוועגעלעך און מיט יעדן וועגעלע זאלן ארבעטן 5 מענשן, טיילנדיק זיך מיט די פארדינסטן אויף גלייכע חלקים פאר אלע 5.

מיר האלטן, אז די געז. „ארט“, וואס פארנעמט זיך מיט פארשפרייטן מלאכה צווישן יידן, איז מחויב צו זארגן דערפאר, אז דער ארימסטער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג אין ווארשע זאל ניט אויסגיין פון הונגער בלויז צוליב דעם, וואס ער האט נישט קיין ארבעטס=מכשירים, ווי דאס איז בא א טרעגער א האנטוועגעלע“.

ווייטער ווערט אין זעלבן בריוו געשריבן:

„מיר זיינען גלייך צוגעטראטן ארגאניזירן שאָפער=קורסן פאר א צווייטער גרופע ארבעטלאזע. ביז איצט האבן זיך פארשריבן אן ערך 60 ארבעטלאזע, פורמאנעס און טרעגער, וואס ווילן זיך אויסלערנען שאָפעריי און דערפון ציען זייער חיונה.

„לײדער, האבן ניט די אלע פארשריבענע ארבעטלאזע די מעגליכקייט איינצוצאלן דאס מינימאלסטע, וואס איז נויטיק דערצו.

„מיר ווענדן זיך דעריבער צו אייך, אז איר זאלט עפענען א שאָפערן=קורס פאר אונזערע מיטגלידער. מיר פון אונזער זייט זיינען גרייט אייך צו דינען מיט אונזער לאקאל אויף די נויטיקע שעהן אין דער וואך, ווען די קורסן וועלן פארקומען, און אויך מיטהעלפן זיי צו ארגאניזירן“.

## תקון טעות

אין נומער 7 פון „ארט“=ידיעות זיינען אין דער נאטיץ וועגן דער אַקציע אין פּאַריז, אין דער רשימה פון די מיטגלידער פון דער רוסישער סעקציע, צווישן אנדערע אויך דערמאנט די הה. מ. ק י וו ע ל י א וו י ט ש און ש. ש ט ש ו פ אַ ק.

די דאזיקע פערזאנען, וועלכע זיינען באמת אקטיווע טוער פון „אָרט“ אין פּאַריז, גייען אָבער ניט אריין אין באשטאנד פון דערמאנטער סעקציע.

# לואי מארשאל

צום שלוס פון נומער האט זיך באקומען די טרויעריקע ידיעה, אז דעם 11=טן סעפטעמבער איז אין ציוריך געשטארבן לואי מארשאל. די גרויסע אבדה וועט ארויסרופן א געפיל פון טיפן טרויער בא דער יידישער באפעלקערונג אין אלע לענדער. צו דער כאראקטעריסטיק און אָפשאצונג פון דער זעלטענער פערזענליכקייט, וואס האט פארנומען אזא צענטראלן אָרט אין יידישן לעבן, וועלן מיר זיך נאך אומקערן.

די צ. פ. פון „ארט“=פארבאנד האט געשיקט דעם ד זש א י נ ט אין ניו=יארק פאלגנדיקע טעלעגראם:

„מיר זיינען טיף דערשיטערט פון דער ידיעה וועגן טויט פון לואי מארשאל. דער אנדיינק וועגן זיינע אומגעהויערע פארדינסטן אין קאמף פארן יידנטום און פאר זיין סאָציאלן און קאָנאָמישן ווידעראויפבוי וועט לאנג לעבן אין די הערצן פון די יידישע מאסן אין מזרח=אייראפע. מיר דריקן אויס די פירער פון דזשאינט דעם הערצליכן מיטגעפיל אין זייער טרויער“.

ענליכע טעלעגראמעס האט די צ. פ. געשיקט צום „אמעריקאנער יידישן קאָמיטעט“ און דער פאמיליע פונם נפטר.

Herausgeber: „ORT“-Verband, Berlin W. 57. Bülowstraße 90. — Für die Redaktion: Dr. A. Singalowski, Charlottenburg. — Verlag M. Wittenberg, Berlin W62, Kleiststraße 31. — Postscheck: Berlin 40054 - Prag 501,347 — Druck: Buchdruckerei „VIKTORIA“ GmbH Berlin-Charlotteuburg, Spreestraße 52/53.

## וואָס איז אַזוינס „מאַפעֶל"?

אין דער תקופה פון די גרויסע דערפינדונגען איז אויך דער בעל-מלאכה און הויפּטזאכליך דער האָליץ-באַארבעטער געצוואונגען צו שענקען זיין אויפמערקזאמקייט די נוצליכע נייע דערפינדונגען פון דער צייט. צייט איז געלט! דורך א אָפּשפּאָרעניש פון צייט פארקלענערן זיך זיינע הוצאות און במילא וואקסט זיין פארדינסט. די באוועגליכע „מאפעל" -פאָרענץ-פרעזמאשין און באלקן-לאך-דריל-מאשין איז אזוי קאנסטרואירט, אז זי גיט די מעגליכקייט יעדן האליץ-באַארבעטער אוועקצושטעלן זיין ווארשטאַט אויפן הכנסהדיקסטן אופן, ווייל מיט איינער און דערזעלבער מאשין קאנען אויסגעפירט ווערן דרייערליי פארשיידענע ארבעט-פּראָצעסן:

1. אויסצופאלצעווען לעכער אין טרעפּן-פאָרענצן דורך איינשטעלן די מאשין פון דער זייט, גענוי לויט דער צייכענונג.

2. מיט דער הילף פון א קייטן-פרעזמאשין קאנען געמאכט ווערן אזוי גערופענע בינד-לעכער (אויך רעכטעקיקע) א חוץ דעם קאן די קייטן-פרעז-מאשין פארווענדעט ווערן צום אויסשניידן צאַפּנס, צום מאכן קרום- און טיף-איינשניידונגען.

3. די דאזיקע מאשין קאן גלייכצייטיק אויך באנוצט ווערן אלס עלעקטרישע האנטעקבער-מאשין צום דרילעווען טיפע, אזוי גערופענע בינד-לעכער.

פאר אט די אלע ארבעט-פּראָצעסן איז גענוג איין מאשין „מאפעל" „Mafel" וואס איז אומעטום גוט איינגעפירט און האט אומעטום געבראכט גרויסע נוצן.

א חוץ אלע אנדערע האט די מאשין נאך די מעלה, וואס אלע נויטיקע צו איר געציינג און מכשירים, קודם כל די פרעז-קייטן, וואס זיינען בלי ספק דער וויכטיקסטער טייל פון מאשין, ווערן געמאכט פון דער פאבריק גופא. די פרעז-קייטן ווערן געמאכט פון א ערשט-קלאסיקן שטאָל, וואס האלט זיך זעהר לאנג. די שינעס, אויף וועלכע די קייטן ווערן געצויגן, זיינען פארזארגט מיט א פּאַטענטירטער פעט-שמירעכץ, וואס ווערט אויטאמאטיש אריינגעטאן בעת דער ארבעט, אזוי אז די שינעס קאנען ניט דעהיצט ווערן.

די דאזיקע מאשין קאן, אלזא, באטראכט ווערן אלס די בעסטע אויפן דאזיקן געביט. זי ווערט פּראָדוצירט נאר פון דער איינציקער Maschinenfabrik Fellbach G. m. b. H., Fellbach-Stuttgart, Wttbg.

(ז. דעם אנאנס אין דער פארליגנדיקער נומער „ארט"-ידיעות")




מונדלאז
ניי-מאשינעס
פון אַלע סיסטעמען
פאר האנט- און פוס-באטריב,
פאר הויז, ווארשטאט
און אינדוסטריע
אָן פארגלייך אין גוטקייט און לייסטונגפעאיקייט
**Mundlos Aktiengesellschaft, Magdeburg 30**
Nähmaschinen-Fabrik — Gegründet 1863



מאדערנע, סטאבילע
פּרעציזיאנס - מאשינעס
פאר כלערליי
פעלץ-פארפיי-
נערונגס-אינדו-
סטריע
קויפט איר אמבעסטן בא
Fr. Wilhelm Selbeck
Telefon 45487
Leipzig W33, Lütznerstr. 92
שער-מאשין מיט
העכסטער לייסטונג
מיט א אויטאָמאטישן פעל-טראנספּארט-אפאראט און מיט א דאָפּלטן צילינדער
טאג-פּראדוקציע 4000—4500 פעל / פארלאנגט מיין רייך-אילוסטר. קאַטאַלאָג
1460



ריטעהסהאַוזענס
פּעלץ-ניי-מאשינעס
„SUCCES"
אין דער מאָדערנסטער אויספירונג
פאר פוס- און קראַפט-אַרבעט.
ערשטקלאַסיקע קוואליטעט און
פון אריכות-ימים.
בעסטע רעפערענצן.
**M. RITTERSHAUSEN**
PELZ-NÄHMASHINEN FABRIK
**BERLIN O 27, Markusstraße 5**
טעלעפאָן: E 4 Alexander 7898
טעלעגראפן-אדרעס: Succes-Berlin



**Ernst Rochlitzer**
STRICKMASCHINENFABRIK
**MÜHLHAUSEN IN THÜRINGEN**
(DEUTSCHLAND)
**פאדערט אומזיסטע אפערטן !**

ערשט-קלאסיקע, זייט יארן געווינשט פון פאכלייט זיינען
SOLAR-POCO
זעלטענע גענויקייט
יעדער שטיק גאַראַנטירט
ווערט צוגעשטעלט פאר אלערליי האָר-ליינג
באַזונדערס: 1/10 מ.מ. פאַר בובי-קאָפּ
און צום ראזירן
Ernst Pack & Söhne m. b. H.
Stahlwarenfabrik
**Solingen in Deutschland**



# Molitor
**Bürsten und Pinsel**



*Qualität!*

פאַרלאַנגט אונזער קאַטאַלאָג
פאַר „הורטאָוויניקעס“ № 28 a

C. v. Molitor. Pinselfabrik Bretten Baden




„Jucksin“
(פולווער)
טויטעט שנעל
און זיכער
**בעטפליי**
**הינטפליי**
**וואנצן**
א· אלערליי אנד· אומפלייט
פאַרלאנגט אפערטן
פון דער

ZU HABEN
IN ALLEN APOTHEKEN u. DROGERIEN

**Chemische Fabrik M. SCHNEIDER G. m. b. H.**
Hardecke-Ruhr (Deutschland)

# אפציבילדער פאר
אינדוסטריע
רעקלאַמע
און קינדער

זייט 45 יאר אין הויך־ווערטיקער אויספירונג

Nürnberger Abziehbilderfabrik
**Troeger & Bücking, Nürnberg**
9316



**צילינדערס, וואַזעס און לייקעס**

פאר פאטאגראפישע צוועקן קויפט איר דירעקט בא דער
Thüringerwald Glasinstrumentenfabrik
**Gustav Kessler**
**Schmiedefeld, Kr. Schleusingen (Deutschland)**

RESERVIERT FüR
FIRMA

רעזערווירט פאר
דער פירמע

**C. Hasenkämper Sohn**
Charnierfabrik
**Velbert / Rhld.**
(Deutschland)

אַבאָנירט, לעזט און פארשפרייט
דעם צוויי־מאָנאַטליכן זשורנאַל
**»ווירטשאפט און לעבן«**
שוין דערשינען נר· (7) 4

**C. S. Reich, Schweina in Thür.**
געגרינדעט 1887
רעקאמענדירט זיך אלס די גרעסטע און לייי־
סטונספעאיקסטע פאבריק אין דייטשלאנד



וואָס שטעלט צו ליולקעס, ציגארן־ און
פאַפיראָסן־ שפיצן מכל המינים




אלס ספּעציאַל־פאַבריק פון
# צאלשטאקן




שטעלט צו שנעל, ביליק און גוט
# C. S. REICH A.G.
Schweina in Thür. (Deutschland)

RESERVIERT FÜR FIRMA

רעזערווירט פאר דער פירמע

**Nikolaus & Günter**
**BERLIN N.**
**Brunnenstr. 52**

# קנאל און קאמפ·
צ י ט אַ ו / ז אַ ק ס ן

# פאבריק פון אונטערשלאק-שטאפן

באַוולנע סאַרזשע און צאַנעל,
האַלבוואָלענע סאַרזשע, סאַטין
און אַרבל-אונטערשלאַק

ספעציאַליטעט: איינפאַרביקע סאַטין פאַר
געשטעפּטע דעקן א· א. 160×80
צענטימעטער ברייט

די קאָרעספּאָנדענץ אם בעסטן אין דייטש אדער עספּעראַנטאָ

Knoll & Comp., Zittau i. Sa.
(Deutschland)


ביליאַרד-באַלן (עלפאַנט-ביין און קנסט-עלפאַנט-ביין)
קייען (שטעקנס) און אלע ביליאַרד-אַרטיקלען פאר דער
גאַנצער וועלט, קעגל-באַלן
**Schröder & Kartzke, Dresden-Laubegast**
די גרעסטע ספעציאַל-פאַבריק אין דער וועלט
געגרינדעט אין 1884 ו פרייזקוראנטן ווערן לויטן פאַרלאנג ארויסגעשיקט

# גיפט-פרייע פארבן
פאר כלערליי געגוס- און שפייז-אינדוסטריען, פרוכט-
אראמאטן און עסענצן, געווירץ-עקסטראקטן, מענטאל
רעקריסט **D. A. B. 6.**, וואנילין 100%, קומארין, זויער-
זאץ, ציטראן-זויערס, מענטע-אייל, פענכעל-אייל, אוי-
קאליפטוס-אייל, פארמען-אייל און פלאטן-אייל
שטעלט צו זייט 1898
J. GIESEL u. Co., m. b. H.
**Odenkirchen, Rheinland**
(Leiter Dr. Carl Padberg) 1467
פארטרעטונג און לאַגער אין פוילן
**Oskar Trattner, Kraków, Florjanska 53**

# צו די לעזער פון די »אָרט«-ידיעות« !!!
פאָדערט געגויע קאַטאלאָגן און פרייזקוראַנטן
בא די פירמעס, וואס אנאנסירן און בארופן זיך אויף די
„אָרט“-ידיעות“.
מאשינעס און מכשירים, וועגן וועלכע ס'ווערט דאָ אנאָנ-
סירט אין די "אָרט"-ידיעות", קאָן מען באשטעלן דורך
**Cooperative Tool Supply Co., Berlin W 57**


אויב איר ווילט בלייבן אדער ווערן
געזונט
דאן באַנוצט אונזער היילזון „ברילאנט“
„Brillant“
זי גיט ארויס אולטראפיאָלעטע זון-
שטראלן און העלפט בא פארקילונג, רוי-
מאַטעס, גיכט, אישיאַס, ווונדן, פורונקלס, בלוטאָרימקייט,
שלאָפלאזיקייט א.א.וו. אַגענטן ווערן געזוכט
**Staub & Zimmer**
Fabrik für Mechanik und Elektrotechnik
**Neu-Isenburg b. Frankfurt a/Main (Deutschland)**


**Pinselfabrik „SERO“ G.m.b.H.**
**Nürnberg**
לייגט פאר
# ראזיר-פינזלען
פון דער ביליקסטער ביז דער בעסטער אויספירונג
פרייזן אויסער קאָנקורענץ

# Franz Gold, Berlin SW. 68
Alte Jakobstr. 18/19

## קנעפּלעך־פֿאַבריק

שפּראַנציקעס און קנעפּלעך
פֿון צעלולאָיד, שטאָף און בלעך
פֿרויען און מענער־קנעפּלעך פֿון העכסטע קוואַליטעט






טעראמעטרעס,
דאמפּף־ און צוג־מעסטער
פֿאבריצירט, אלס ספּעציאל.

J. HEINRICH
Oberingenieur
Fabrik wärmetechn.
Meßinstrumente

Quedlinburg Deutschland



# PHOENIX



בעסטע
## שנעל־ניי־מאַשין

פֿאַר
הויז־געברויך
האַנטווערק־וואַרשטאַט
און אינדוסטריע

ספּעציעלע ניי־מאַשינעס פֿאַר
הויל־זוים (מערעזשקע) זיג־זאג
שטאך, קנעפּל־לעכער א. א. וו.

BAER & REMPEL
BIELEFELD
געגרינדעט אין 1865־טן יאָר


פֿאַרלאַנגט פּרייזן און
קאַטאַלאָגן פֿון די
פֿירמעס, וואָס דרוקן
זייערע אַנאָנסן אין
די „אָרט“־ידיעות

!!


# פּילץ־פֿאבריקאציע

די לייסטונגספּעאיק־
סטע מאשינעס צו
פּראדוצירן כלערליי
האר־ און וואָל־
פּילצן שטעלט צו

# Aërogen A.-G.
Breslau 10

1647



# Hermann Stärker A.-G.
Chemnitz-Deutschland

## וועלט־באַרימטע זאקן־פֿאבריק

פּראָדוצירט: פֿרויען־זאָקן
מענער־זאָקן (סקאַרפּעטקעס)
קינדער־זאָקן
יינגלעך־זאָקן

פֿון זייד, קונסטזייד, פֿלאר, וואל, באוול און פּלאַטירט
ספּעציעלע מאַרקע: DAISY






ניי־מאַשינעס פֿאַר פֿאַמיליע און מלאכה
HAID & NEU-NÄHMASCHINEN
נייען, האפטן און צירעווען

**Fassbinder & Co.**
**G.m.b.H. Solingen**



אימפארט
פאבריקאציע
עקספארט

געגרינדעט
אין 1906

**אלערליי שארף-שטיינער**
**פאר האנטווערק און אינדוסטריע**




אייגענע
פאבריקאציע
פון

**אַרקאַנזאַס- און וואַסהיטאַ-שטיינער**

טירינגער וואַסער-שטיינער, וועטץ-שטיינער און אַלע אַנדערע שטיינער פאַר אַינדוסטריע און מלאָכה

**Otto Brächer**
Sonneberg/Thüringen




**די ראַזיר-קלינגען, וואס האבן א וועלט-נאמען**
די מאַרקע „Nieso" גאַראַנטירט פאַר קוואַליטעט
„Nieso" Gebr. Niepenberg, Solingen-Wald 15

**BRÜDER WINKLE**



BW
SCHUTZ-MARKE

**פאַבריק פון שיך-קאָפולעס און שטאַמפ-מעסערס**
Altenstadt a. Jller / Schwaben (Bayern)

כלערליי געצייג פאר **רימארעס, טאַפּעצירער, פּאָלסטערער א.א.**
שטעלט צו די ספעציאל-פאַבריק



**Otto Langenhan**
**Zella-Mehlis, in Thüringen**
**Schliessfach 4.**

**שפּרעך-מאַשינעס — אינוועניקסטע מעכאַניזמען און אַלץ, וואָס געהערט צו זיי, פאר קאָפער- און שראנק-אַפּאַראַטן און קאסטנס מעכאַניזמען פאר קאפער-אפאראטן**




Nr. 8 איין-פרוזשינע-שנעק-ווערק




Nr, 11 דאָפּל-פ רוזשינע-שנעק-ווערק

**Perpetuum, Steidinger & Co., Komm.-Ges.**
Spezialfabrik f. Sprechmaschinen Laufwerke, ST. GEORGEN-Schwarzwald (Deutschl.



**כל-ערליי גלאָז-סחורות**
פאר כירורגיע און קראנקן-פלעגע / גלאָז-שפריצער / טערמאָמעטערס / אלע גלאָז אַפּאַראַטן און כלים פאַר לאַבאָראַטאָריעס / טעכניק און וויסנשאַפט
**קוואַרץ - גלאז - כלים**
רונדע און לענגליכע ליבעלן (גלאָזפיגורן) צו אלע צוועקן צו ביליקע פרייז;

**„EWECO"-**
**Glaswarenfabrik**
**G. m. b. H.**
Schmiedefeld Kr. Schleusingen (Deutschland)

שרייבט שוין היינט ! שרייבט שוין היינט !




**ULLRICH, SAUER & Co.**
AKTIENGESELLSCHAFT
GRÄFENRODA / THÜR.

**פאבריק פון כירורגישע הארט-גומי-ארטיקלען און**
**פיבער-טערמאָמעטערס**
קאָנטראַקט-ליפעראַנט פון דעם נייעם Rektal-טערמאָמעטער און Perla-פּי-בער-טערמאָמעטער לויט ד"ר פיליפסען






**אויב איר דארפט האבן**
ערזאַץ-טיילן פאר וועליסאָפּעדן, מאָטאָציקלעטן, אויטאָמאָבילן און מאטארן זאָלט איר פאַרווענדן נאָר די אומעטום באַקאַנטע מאַרקע
**„ H U B O "**
אומזיסטע אפערטן שיקט צו די ספעצ.-פאַבר. פון ערזאַץ-טיילן פאר פארקער-מיטלען
**HUGO BOCKSBERGER, Fahrzeugteilefabrik**
**SCHWARZA, Kr. Schleusingen (Deutschland)**

## לאנינגערס איינהייטס - איינריכטונגען
# פאר קינסטליכן רעגן

פאר גערטנעריי, קליינע און גרויסע לאנדווירטשאפטליכע אונטערנעמונגען זיינען די פראקטישסטע איינריכטונגען פאר קינסטליכער באוואסערונג.



באַם אָנפרעגן מוזן צוגעלייגט ווערן פלענער. אין וועלכן ס'מוז אָנגעוויזן ווערן דער אָרט, פין ווו מ'נעמט וואַסער. דער אדרעס פון דער פירמע איז:

**Lanninger-Regner A.-G.**
**Frankfurt a. M. — Roedelheim**

---

אין
## יעדער אונטערנעמונג



אין לאנדווירטשאַפט
אין בוי־אונטערנעמונגען
בא מאלעריי
נ י ט א ו י ס צ ו ק ו מ ע ן
אן דער מאלעריי־מאשין
פרייז פון 120 מארק אן
צאָלט זיך אויס אין א ק־רצער צייט

**L. Ritter Kdt.-Ges.**
**Wallau / Lahn 31, (Kreis Biedenkopf)**

---

## כלערליי ספעציעלע מאשינעס פאר מאָלן און פולוועריזירן ביזן העכסטן גראד פון דינקייט



אלע מינים מאטעריאלן, ווי למשל:

מינעראלן, ערד־שטיינער, פלאנצונגען, אפטייק־גראָזן, וואָרצלען, קארע, פעך (סמאָלע), צוקער, געווירצן א. א. לאנגיעריגע ספעציעלע ערפארונג. אויב איר וועט באדארפן שטייסן אדער פולוועריזירן וועלכע ניט איז מאטעריאלן, בעטן מיר ווענדן זיך צו אונז, און מיר זיינען שטענדיק גרייט צו דינען אייך מיט פראיעקטן און מיט אונזערע ספעציעלע ידיעות און באזאָרגן אייך מיט אן איינריכטונג לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק, אומאָפהיינדיק פון דעם, צי עס האנדלט זיך פון גרעסערע קאָמפל־איינריכטונגען, איינצ. אד. קליינע האנט־מאשינעס

**Maximilian Fuchs & Co., Wien, Westbahnstr. 27-29**
אדרעס פאר טעלעגראמען: „Fusco“, Wien

---

לעזט און פאַרשפרייט די „אָרט“-ידיעות

---

# ברויכט
# איר ארבעטס־קרעפטן ?

איבערצופירן היי, שטרוי, גארבן א. ד. גל. — דער אָסטערידער עלעוואטאָר פאַרשפאָרט עס אייך. ער פירט איבער אלע אייערע פעלד־פראָדוקטן פון וואגן אין געביידע. איר קאנט אים אויך באַנוצן צו טראנספארטירן בוריקעס, מיסט און בוי־מאַטעריאַל. איר שפארט איין מיט אים טייערע ארבעטס־קרעפטן און צייט און דערגרייכט דורך אים די נויטיקע באם שניט מאַסן־לייסטונגען

**Osterrieder-Werk, Memmingen 48**

די גרעסטע ספעציאל - פאבריק פאר לאנדווירטשאפטליכע איבערפיר־מיטלען אין דייטשלאנד.

12035

---



# א י י ל - ר י י נ י ק ע ר
(נ י י ע ע ר פ י נ ד ו נ ג)

# 1 ,מערקור'

גיט יעדער פאבריק און ווארשטאט די מעגליכקייט צו פארוואנדלען די אייל־רעשטן (אין מינעראל־, פלאנצן־ און פיש־אייל) אין

# פ ר י ש ן א י י ל

ביליקער הכנסהדיקער אייל־פילטער, ווייל ער ארבעט תמיד זעלבשטענדיק אָן שום מענשליכע אדער מעכאנישע הילף
●
קיין אינדוסטריעלע און לאנדווירטשאפטליכע אונטערנעמונג קאן זיך אָן דעם ניט באגיין
●
בעסטע רעפערענצן פון גרויס־, מיטל־ און קליין־אינדוסטריע אין דייטשלאנד און אויסלאנד

פ אַ ר ל א נ ג ט אַ פ ע ר ט ן ב אַ

**Fritz & Willy Fehrmann**
**Leipzig, Brau Straße 24**

זעהר
בּיליגע
פּרייזן
פאר א גראָס פון 42 מארק אָן

פאַרקויפט נאר הורט־סוחרים
**Gerhard Joh. Quaas,**



פולפעדערהאַלטער
און פּאַטענט
בּלייפען
קויפט יעדערער

Singwitz / Bautzen (Sachsen)




**A. Mayer & Sohn** G. m. b. H.
**Neheim-Ruhr**
Spezialfabrik elektrischer Heiz- u. Kochapparate



A. LIEBETRUTH & Co.
Gesellschaft mit beschränkter Haftung
**NÜRNBERG (DEUTSCHLAND)**
עקספּאָרטירט שוין העכער 57 יאר
אקווארעל־פארבן און פארבן־קעסטלעך
פאר שול און קינדער־שפּיל־צוועקן

**HERMANN KOEBE, LUCKENWALDE BEI BERLIN**
„Koebe“ :טעלעגראַפן־אדרעס Bentley Code געגרינדעט אין 1878



איינפאכע באַדינונג / וועגט ווייניג
לייסטונגספעהיגע בּיליגע מאָטאָרשפּריצערס
מ׳קאָן עס טראָגן, פירן און איבערטראגן
לייסטעט 400 און 600 ליטער אין מינוט
מאָטאָרשפּריצערס „רעקאָרד“
**(„REKORD“)**
ווערט געטראָגן דורך צוויי מענשן
מאָטאָרשפּריצערס אויף 2 און 4 רעדער
אליין־שפּריצער אויסלעש־צוגן
לייסטעט פון 400 ביז 2000 ליטער אין א מינוט
איינריכטונג פון גאנצע פייער־לעשער אפּטיילונגען



**HELIOS**
ליכט־אַפּאַראַטן
פון העכסטן גראד
**אין 10 טיפּן**
פּאַרטרעטער ווערן געזוכט
**HELIOS-WERK**
**HERMANN WILL, JENA**
vorm. ELEKTRO-APPARATE-BAU Hermann Will, Jena

**סטאַניאָל** (פון ציין און אלומיניום)
צו פארפּאַקן: שאָקאָלאַד, קאַנפעקט
און קעז. / מיר ליפערן פאר דער גאנצער וועלט.
Kluge u. Winter, Hamburg 20

„Heliogen“ Radiozubehör




**Herm. Pawlik**
Radiotechnische Fabrik
**Bad Blankenburg**
· Thüringer Wald ·

בילדער, שילדן פון פירמעס שוץ־מארקעס וכדומה; ספּעציאליטעט: מאכן עקסטרא לויט אייערע צייכענונגען און אנווייזונגען.
**AUGUST JÜTTNER, Saalfeld a. S., Deutschland (Postfach 50)**



# בירשטן-פאבריקאציע

האט א גרויסע צוקונפט אין רוס־לאנד און אין די מזרח־לענדער, ווארום
בירשטן זיינען א גרויסער גע־ברויכס־ארטיקל
און רוי־שטאָפן באקומט מען גופא אין לאנד
די וועלט־באקאנטע בירשטן־מאשינעס און ווערקצייג
ליפערט

**A. Zahoransky, Todtnau (Deutschland)**

ערשטע און באַדייטנדסטע פאַבריק פאַר ספעציאַל־מאשינעס.






יעדע פרוי, וואס וויל אירע וועש וואשן
זויבער און היגיעניש, אָן מי און אַרבעט,
באנוצט דעם וואש־אַפאראט

## וואש־מאשין „TRUMPF"

D. R. G. M. 886820/1064374

וואס ווערט אין דייטשלאנד און אויסלאנד דורכאויס באנוצט פון די פרויען. ביליקער פרייז, האלט זיך לאנג, איינפאך אין באנוצן
פראָספעקטן אומזיסט

**Metallatom G.m.b.H.**
Köln-Ehrenfeld, Lichtstraße 27

1619





מאַשין פון העכסטער לייסטונג
„Takas"

Sächsische
**Bürsten- u. Knopf-maschinen Werke**
**G. m. b. H.**
Zwickau
(Sachsen)

לייגן פאר:
קנעפ־מאשינעס
מאדערנע
אויספירונג
און
בעסטע
קוואַליטעט



דארפט איר האָבן
## פאָרמעס
צו פאַבריצירן סערוויזן
(מעסער, גאָפל, לעפל)
אדער
## שטאַנצן
דאַן פאדערט דאָך אָפערטן באַ דער ספעציאַל־פאַבריק

**Fr. Teutenberg, Lüdenscheid, (Deutschland)**

עקספאָרט אין אַלע לענדער





ספאציע־קיילן פאַר אַלע זעץ־מאַשין סיסטעמען אין פרע־ציזער אויספירונג פאר העכסטער לייסטונג, זויבערסטער אויספירונג פון רעפעראַטורן ׀ שיקט גלייך צו די באַ־שעדיקטע ספאַציע־קיילן!

נומעריר־מאשינעס ׀ נומעריר־ווערק
פארלאנגט ליסטע 16 !



עקספארטיר זייט יארן
אין אלע קולטור־לענדער



**Theodor Koschel**
**Leipzig W. 32— J**

1632



# דרוקעריי־מאשינעס

שנעל־דרוק־מאשינעס, טיגל־דרוק־פרעסן (אמעריקאנקעס), געברויכטע און ניי־אויפגעארבעטע, אין אלע גרויסן און פאר אלע צוועקן ליפערט

M. Rauch, Stuttgart, Ludwigstraße 3





# עכטע נאפע־לעדער

ספאָרט / אויטאָ / אַעראָפלאַנעס / שפאַציר
פאַר כלערליי קאָנפעקציע־סחורות
לעדער פאַר הענטשקעס

**GEORG MEINKE, Lederfabrik, B u r g bei Magdeburg (Deutschland)**

PRÄZISONS-WERKZEUGFABRIK NÜRNBERG-LAUF

## MOSCHKAU & GLIMPEL

**LAUF a. d. Peg. (Bayern)**

רעקאָמענדירן זייערע אויסגעצייכנטע און אָנערקענטע געצייג-ניייקייט




עמוגע־הויכלייסטונג־
גווינט־עָקבּערס
פאַר האַנט־ און מאַשינעס־באַטריב D.R.G.M.

(מאַכט דעם געווינט באַ נאָרמאַלע פאַרהעלטענישן מיט איין שניט פאַרטיק, דעריבער איז ניט נויטיק די איבעריקע דריי זאַץ־שטיקער)



עמוגע־גווינט־עקבּעָרס־
שנעל־טוישפוטער

DGGM. און DRP. a.

מיט שרויף־שטאָק און ספּעציאַל־שרויף, דער בעסטערער שפּאַן־געצייג פאַר אַלע גווינט־שנייד־אַרבעטן.

עָמוגע הויכלייסטונג־שניידאייזן

**„ELASTIK“** DRP.



הגם אין זיך געשלאָסן, דאָך קאָן מען אים איינשטעלן און ער טאָקט גוט
היכע לייסטונג, לייכטעס אַרבעטן
זויבערע און גענויע גווינטן

געפּעדעָרטע
קאָנוס־אויפשטעָק־הייזן

**„EMUGE“** DRGM. און Ausl. Pat. a.



פאַר שפּיראַל־עקבערס א. א. דערמעגליכט פולקומע אויסנוצונג פון יעדן שפּיראַל־עקבער מיט א קאָנוסארטיקן שרויף, אויך ווען די מיטנעמערהענטל איז אָפּגעבראָכן

אונזער געשעָפט־שיפרע איז: **Gewindebohrer**

פ אָ ד עָ ר ט פ ר אָ ס פ ע ק ט ן מ י ט פ ר י י ז ן

---

**Fr. Ott & Co.**

Hobelfabrik

Ochsenfurt

am/Main

(Bayern)




פאַבריצירט נאָר
קוואליטעט־סחורה: הובלען, הובל־ביינק, האַנט־זעגן און קליין־געצייג פאר איערליי בעל־מלאָכות און וואַרשטאטן פאר האָלץ־באַארבעטונג

---



זיכערהייט־, פאלץ־ און
הובל־קעפּ, עגבערס און
מאשינעָס־מכשירים פאר
האלץ־באַארבעטונג
שטעלט צו [redacted]

Jakob Schmid

Bohrer- und Werkzeugfabrik

**Oberkochen, Württbg.**

---

## לעזט די „ארט“־ידיעות“

---



פרוזשינעס
פון אלע
מינים
און אַרטן

**Federn** aller Art **Spiralfedernfabrik**
**Ing. A. Herrmann, Oberoderwitz i. Sa.**

---



פעטערס ווארשטאַטן
ניטא זיין גלייכן לויט קוואַ־ליטעָט און פרייז באַאַרבעָט
כלעָרליי שוועָרסטעָ
פאַבריקאַטן

טעל.: נר. 13 **H. VETTER, Niedernhall, Württbg.**

---

## ציגעלניע־מאשינעס

### שטיינער - ברעך - מאַשינעס

טערראצא און
גראניטאָיד־
פלאטן



הידראוולישע
פרעסן פאר
צעמענט, ליים

שפּאַלטן־טיילן פון בעסטן קעראַמיט־שטאָל

Th. Groke A. G., Merseburg

1427

---

איך שטעל צו אלס ספּעציאליטעט:

## צופּ־מאשינעס

פאר אויפצופּן דעם פּאָלסטער־מאטעריאל מיט אדער אָן מכשירים צו באזייטיקן דעם שטויב..

## רייניקונג־מאשינעס פאר בעט־פעדערן

פאר געניצטע און רויע פעדערן אין אלע גאַנגבארע גרויסן.

פאדערט פראספעקטן און אויספירליכע פארשלאגן !

**August Wallmeyer**

**Maschinenfabrik u. Eisengießerei, Eisenach (B.)**



ספּעָציעָלעָ פאַבריק פון עָלעָגאַנטעָ

## פרויען־ און מענער־היט

פון וואָל־פילץ

CARL LOEWE & Co.
Neudamm (Deutschland)

---

100
1815 30. 10. 1915

## C. F. Jerike

**Tuchfabrik**
Neudamm N/M.

טוך־שטאָף

געגרינדעט אין 1815 יאָר

פיינע וואָלבלויענע און מיליטער־מעלירטע טוך / דאָסקינס / די־אַגאָנאַל / עסקימאָס א. א.

דראַפּן / נייסן פון שטרייך־ און קאַמגאַרן / פלאַנעלע פאַר טעניס / טוך פאַר ליווריען / אויטאָס און וואָגן / עכט פאָרסט־מעלירטע טוך / טריקאָ און אנדערע

זומער־ און ווינטער־פּאַלטאָעס

לעוואַנט־ און מאַראָקאָ־טוך / אוניפאָרם־טוך

Bentley-Code — Mosse-Code

טעלעגראַפן־אַדרעס: JERIKE

---

## G. BENDIX, BERLIN C. 2

**Hoher Steinweg 13**

אונטערשלאַק־שטאָף פאר מענער
שניידער־ארטיקלען
שניידערשע האַנטווערק־מכשירים
גרויסער אויסוואַל, ביליקע פרייזן

---



Ernst Büchner
Wirkwaren-Fabrik
Neukirchen in sächs. Erzg.

## ספּאָרט־ און באד־ קליידער

פרינצעס־רעקי, דאַמען־הויזן און רעפארם־הויזן
טריקאָ־שטאפן אין קונסטזייד מיט באוול און
וואָל אויך מיט אַ צוגעוועבטן בייקע־אונטערשלאַק

---

## Millberg & Schemel

Luckenwalde

## פילץ־היט פאר דאמען

פון פארשיידענע קוואליטעטן
ספּעציאליטעט – וואל־וועלור